MASEKHET DEREKH ERETS ZUTA IM HATAKAT IVRI TAYTSH

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

מסכת

דרך ארץ זוטא

עם

העתקת עברי טייטש. למען יבינו כקטן
כגדול את דברי חכמינו ז"ל.

יצא לאור ע"י הרב הדרשן

יחזקאל ב"ר יחזקאל פייסעהאוויץ

מעיר ליפנישאק.

ווילנא

בדפוס פראדעל מ"ץ תחי'

שנת תרע"ה לפ"ק

МАСЕХТЪ ДЕРЕХЪ ЭРЭЦЪ ЗУТО.

или трактатъ о правилахъ жизни.

ВИЛЬНА.

Типографія Л. Л. Маца Завальная 30. 1915 г.

לך שלום בעולם ויאזינו לחיי העולם הבא. ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר זה הדרך ילכו בה כי תאמינו וכי תשמאילו. פיך שלא ספר לשון הרע עליה יהרגו כל בעלי מריבה פיך שעסק בתורה עליה יתברכו כל בעלי ברכה ידיך ששמרת מגזל מה יעשו לך בני עולה ידיך שלא קפצת מן הצדקה מה יעשו לך כל בעלי זרוע. רגלך שלא קדמוך לדבר עבירה מה יעשה לה מלאך המות דברים אלה התריתי לפניך ומה שתרצה תעשה: (אלו הפרקים שנמצאו במחזור וויטרי)

פרק ה מי שהוא תלמיד חכם לא יאכל מעומד. לא

מאכן הערין שלום אויף דר וועלט. ווארום אלע מחלוקת ווערט פון דברים בטלים. אונ זיי וועלן הערן תורה אין גן עדן בעולם הבא. אונ דיינע אויערן וועלן הערן ווי אלע מענטשן וועלן זאגן פירט זיך ווי דר צדיק הט זיך גפירט. סיי רעכט סיי לינקס זאלט איר ניט אפ קערין זיך פון זיין פיר. דיין מויל ווס הט ניט גירעט קיין לשון הרע וועט זיין גליקליך. אז די ווס וועלן זיך וועלן קריגן מיט דיר וועלן אלע גשלאגין ווערן. דיין מויל ווס האט גלערינט תורה וועלן אויף אים ווערן גבענצט אלע גיבענצטע מענטשן ווס טוען דיר טובות. דיינע הענט ווס דו האסט ניט פארקוועצט פון צו געבן צדקה זיינן דאך זייער היילינג טו ווס קענען דיר טאן אלע שטארקע מענטשן שלעכטס. וויבאלד דיינע פיס זיינן ניט גילאפן צו איין עבירה ווס קען דיר טאן דר מלאך המות. דס איז מיינע רייד וואס איך בין מתרה. אויב דו וועסט מיר פאלגן ביסטו גליקליך. יעצט קענסטו טאן ווס דו ווילסט. אבר וויסין זאלסטו אז דו וועסט דורך פאלין אין עבירות זאלסטו ניט טענה'ן. מיא הט מיר ניט מתרה גיוועז אז דו ווילסט לערנן די מסכת דרך ארץ אונ היטן ווס אין איר שטייט גישריבין וואלסטו ניט קומען צוא קיין אומגליק עס וואלט דיר גיוועז גוט בעולם הזה ובעולם הבא:

פרק ה מי ווער עס איז איין תלמיד חכם זאל ניט עסן שטייענדיג אונ

הקדמה

איז ניט מער וויא ארגילות. ווייל דאס קינד זעט אז דער פאטער און מוטער שווערט פאלש. און שילטין. און באריידין לייטין. טוט ער אויך אזוי. אבער טרפות זעהט ער, אז דער פאטער היט זיך דער פון ווערט דאס ביא אים איין געווארצילט אויף אייביג. דער פאר האט השי"ת פאר זאגט אונז אין דער היילגע תורה ולמדתם אותם את בניכם אז מיר זאלין איין געוויינען אונזערע קינדער פון קינדהייט אז זייא זאלין היטין דיא תורה הקדושה. און זייא זאלין איין געוויינען דעם קינד צו ברעכין דעם נאטור פון כעס. גאוה. אכזריות. ווערט דאס ביא אים בלייבין איין ארענטליכע מעשה. ווערט ער קענען מקיים זיין כל התורה זייער לייכט און גרינג. איבער הויפט דארפין מיר אונזערע קינדער ניט לאזין אום גיין ליידיג. וואראום בטלה אם כל חטאת ליידיג אום גיין איז דיא מוטער פון אלע עבירות אין דער וועלט. מיר דארפין זעהן זייא זאלין טויגין צוא דער וועלט וויא צוא דער תורה. אזוי זאגט די היילגע גמרא והודעת להם זה בית חייהם מיר דארפין זעהען אז אונזערע קינדער זאלין האבין אמלאכה אין האנד. אבער ניט דיא מלאכה אליין. צו דעם מוז דאס קינד זיין קלאר אין דיא מצות וואס איטליכער איד מוז וויסין. למשל. הלכות תפלה. הלכות שבת. הלכות דרך ארץ. הלכות דיעות ותשובה. בפרט די מס' דרך ארץ וואס אין דאס איז נכלל כל מצות שבין אדם לחבירו. וואס אויף דאס העלפט ניט יום כפור און ניט דער יום המיתה וואראום איין עבירה וואס אנטקעגין אמענטשין איז זיא אין דאפיל אנטקעגין השי"ת און אנטקעגין מענטשין. ע"כ דארף מען זיך דער פון זייער היטין. השי"ת זאל אונז עפענען אונזערע אויגין אז מיר זאלין ניט זיין פאר בלענדט אין דיא היילגע תורה. עס זאל אויף אונז מקוים ווערין דער פסוק ומצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם אמן:

פרק א דרכן של תלמידי חכמים . עניו ושפל זריז
ממולא עלוב ואהוב לכל אדם שפל
לאנשי ביתו. ירא חטא ודורש את האדם לפי מעשיו.
ואומר כל מה שיש בעוה"ז אין לי חפץ בהם לפי שאין עולם
הזה שלי. יושב ומשנה ומטיל כסותו לפני רגלי תלמידי
חכמים ואין איש רואה בו דבר רע. שואל כענין. ומשיב

דרכן דער וועג פון תלמידי חכמים איז אזו. ער איז איין עניו. דאס
הייסט ער איז אויס גירעכינט אז ער באטרעפט גאר ניט
אנטקעגין די געמליכע ברואים וואס השי"ת האט באשאפין. שפל
ער איז אראפ גיפאלין אפילו קעגין נידעריגערע מענטשין פון אים.
זריז ער איז גישווינט צו טאן דעם צווייטין א טובה. ממולא ער איז
פול מיט חכמה. עלוב אפילו ווען מען איז אים מבזה לייט ער אונ
ענטפערט ניט ואהוב לכל אדם ער סטארעט זיך אז אלע מענטשין זאלין
אים ליב האבן שפל לאנשי ביתו ער איז אראפ גיפאלן אפילו קעגין זיין
אייגינע הויז גיזינד ירא חטא ער האט מורא פאר איין עבירה אז זאל
זיך ניט מאכין בייא אים ודורש את כל האדם לפי מעשיו ער פארשט
איטליכין מענטשין נאך זיינע מעשים נאך. ווען איינער טוט איין
זאך וואס אים דוכט זיך אז דאס איז איין עולה. רעכינט ער זיך
אויס וויא וואלט גיוועז אז איך וואלט דאס טאן וואלט איך וועלין
אז מען זאל זאגין אז עס איז ניט גוט ? אדער ניין. כדי ער זאל ניט
משפטין דעם צווייטין צו בייזין. ואומר אונ ער זאגט אלץ וואס עס
איז דא אויף דער וועלט. פאר לאנג איך ניט ווארום די וועלט איז
ניט פאר מיר. יושב ער זיצט אונ לערינט די הייליגע תורה. ער
מאכט לייגין זיין קלייד פאר דיא פיס פון דיא חכמים דאס מיינט
מען ווען עס איז ניטא קיין שטול לערינט ער האץ אויף דר ערד. ער
בעט אונטער זיין קלייד. ואין אונ קיין מענטש זעהט אין אים ניט קיין
בייז. שואל ווען ער פרעגט איין זאך פרעגט ער ווי עס פאסט צום

שמועות

כהלכה. הוי כנוד בקוע שנפתח להכנים הרוח. וכערוגה עמוקה שמחזקת את מימיה. וכקנקנה זפותה שמשמרת את יינה. כספוג שהוא סופג את הכל:

ב אל תהי כפתח גדול שמכנים את הרוח. ולא כפתח קטן שמנבל את היקרים. אלא הוי כאיסקופה התחתונה שהכל דשין בה וכיתד הנמוכה שהכל תולין בה. אם לקית בממונך זכור איוב שלקה בממונו וגופו. ואם לקית

דיא רייד וואס מען רעט. ווען ער דארף ענטפערין איין תירוץ אדער איין דין ענטפערט ער ריכטיג וויא דער אמת איז הוי ער איז וויא איין אפענער לאגיל וואס ער איז אפין עס זאל אין אים אריין רוח אזוי איז זיין מוח אפין עס זאל אין אים אריין גיין רוח חכמה וויא איין גילייסטע כלי וואס עס האלט זיך דיא וויין אין איר. אזוי איז בייא אים די תורה וואס ער האט גילערינט ער פארגעסט איר קיין מאל ניט מחמת ער לערינט איר איבער פיל מאל ווי איין טיפע בייט וואס האלט אין זיך וואסער. אונ נאכהער שפראצט ארויס פון איר פרוכטין אזוי האלט ער איין די תורה אונ לערינט איר מיט לייטין אזוי קומט פון אים אויך ארויס פרוכטין גוטע תלמידים. אל זאלסט ניט זיין ווי איין גרויסע טיר וואס עס גייט אריין ווינט דאס מיינט מען עס זאל ניט אריין אין דיין מוח קיין דברים בטלים אונ ליצנות. אונ ניט ווי איין קליינע טירעלע וואס פאר מיאוסת טייערע מענטשין. דס הייסט מען קען ניט אריין אין טייערע קליידער מחמת זי דריקט פון איינגשאפט. דאס הייסט ווערסט זיך פוילין לערנען תמיד. הוי דו זאלסט זיין וויא איין אונטערשטער שוועל וואס אלע טרעטין אויף אים. דאס מיינט מען אמענטש דארף זיך לאזין לערנען פון איטליכין איין גוטע מדה. וכיתד אונ ווי איין פלעקיל וואס איז אריין גישלאגין נידעריג אין וואנד וואס אלע הייגען אן אויף אים. דאס הייסט ווער עס דארף נאר אטובה זאל ער קענען אן הייגען אויף דיר אויב דו קענסט נאר טאן. אם ווען דו האסט גיהאט היזיק אין

בגופך זכור דתן ואבירם שירדו חיים שאולה. אל תכשל בעיניך שאין מכשול אלא בעינים. אל תמשוך אחר פרפרת שמא תאכל יותר מדאי. אל תדרוש מן הצדוקים שמא תמשוך לגיהנם. אם אומרים עליך אחרים דבר רע אל תענם. גדול יהי׳ בעיניך כקטן. אם אמרת על אחרים דבר רע קטן יהיה בעיניך כגדול עד שתלך ותפיים עליו. אל יהא פרקך רע שאין שבחה של תורה אלא הוי טוב שכן

געלט. האב ניט קיין תרעומות. דערמאן זיך איוב איז געוועז א צדיק אונ האט געהאט היזיק אין גוף אונ אין געלט. ווען דו האסט געהאט היזיק אין גוף אונ אין געלט דערמאן זיך דתן ואבירם זייגען אריין לעבעדיגע אין דר ערד איבער זייערע זינד פון מחלוקת. אל זאלסט ניט ווערין געשטרויכלט פון דייגע אויגין. ווארום די אויג מאכט שטרויכלען דעם מענטשין מער וויא אלע גלידער. אל זאלסט ניט ליב האבין צו עסין פרפרת דאס הייסט זאכין וואס מאכין אפעטיט. כדי דו זאלסט ניט עסין איין איבעריגען ביסין. ווערט דאס דיר זיין איין שטער צום לערנען אונ צו איין מלאכה. ווארום אז איין מענטש עסט זיך פיל אן קען ער ניט טאן. אל זאלסט ניט פרעגין חכמה פון די צדוקים דאס הייסט מענטשין וואס זייגען שלאף אין אמונה. טאמער וועסטו ווערין פאר פירט אין גיהנם. ווען מענטשין האבין קעגין דיר גיזאגט אשלעכטין ווארט זאלסטו זייא ניט ענטפערין. אפילו אגרויסע זאך זאל זיין ביי דיר פאר רעכינט אקליינע ווארום דאס וועט דיר גאר נישט שאדין. אבער ווען דו האסט גיזאגט אויף איין אנדערן אשלעכטין ווארט אפילו אקלייניגקייט זאל זיין ביי דיר פאר רעכינט אגרויסע ביז דו וועסט אים גיין בעטין מחילה. ווארום די עבירה וועט דיר געווים שאדין. אל דיין יוגענד זאל ניט זיין שלעכט פון עבירות ווארום עס איז ניט קיין שבח פאר דער תורה נאר עס זאל זיין דורך גוט דאס מיינט מען זאלסט זיך שטארקין צו מערין מעשים טובים אלע טאג. ווארום אזוי איז שיין פאר דער

תורה

שבחה של תורה הוי אוהב את התורה ומכבדה. הוי אוהב את הבריות ומכבד. העבר רצונך מפני רצון חבירך שכן עשתה רחל ללאה ודוד לשאול. העבר רצונך ורצון חבירך מפני רצון שמים שכן מצינו ביעקב שלא נשק ליוסף. הוי אוהב את השמא ושנא את הכמה. ר׳ חדקא אומר הוי אוהב את השמא ושנא את המה בכך. הרחק מן המביא לידי עבירה ומן הכעור ומן הדומה לכעור שמא יחשדוך אחרים בעבירה אל תלשן את חבירך שכל המלשין את חבירו אין לו רפואה. אל תאכל לחם עם כהן עם הארץ שמא יאכילך בקדשים. הרחק מן התרעומות שאם תתרעם על אחרים תוסיף לחטוא.

תורה. הוי האב ליב די תורה אונ גיב איר אפ כבוד האב ליב לייטין אונ גיב זיי אפ כבוד. טרייב אפ דיין רצון צוליב דיין חברס רצון ווארום אזו גיפינען מיר אז רחל האט גיטאן צו איר שוועסטער לאה אונ דוד צו דעם מלך שאול טרייב אפ דיין רצון מיט דיין חברס רצון צו ליב דעם רצון פון השי״ת ווארום אזוי גיפינען מיר ביא יעקב אבינו אז ער האט ניט גקושט זיין זון יוסף מחמת ער הט בעת מעשה גילייענט קריאת שמע הוי האב ליב צו זאגין אוי טאמער בין איך ניט יוצא אנטקעגין די היילגע תורה ושנא אונ האב פיינט צו טראכטין איך האב גיטאן אפילע מצות ר׳ חדקא זאגט האב ליב צו זאגין טאמער גיפינט זיך אין מיינע מצות פניות מיט פאלשקייט אונ האב פיינט צו זאגן מה בכך וואס איז דארטן אז איך וועל טאן אקליינע עבירה הרחק דער ווייטער זיך פון אזעלכע ענינים וואס דער פון קען ארויס קומען איין עבירה. אונ פון אזאך וואס ניט שיין איז. אדר פון אזאך וואס ברייננט ניט צו שיינקייט. טאמער וועלן דיר מענטשן חושד זיין אז דו האסט גטאן איין עבירה אל זאלסט ניט ריידן אויף דיין חבר ווארום דר וואס בארעט זיין חבר איז ניטא פאר אים קיין רפואה. עס ניט מיט איין כהן עם הארץ טאמער וועט ער דיר געבן קדשים. דער

ווייטער

שבעה אבות כרותי ברית הן אברהם. יצחק ויעקב משה ואהרן פנחס ודוד. באברהם כתיב ביום ההוא כרת ה׳ את אברם ברית. ביצחק כתיב ואת בריתי אקים את יצחק. ביעקב כתיב וזכרתי את בריתי יעקב. במשה כתיב כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל. באהרן כתיב ברית מלח עולם היא לפני ה׳. בפנחס כתיב והיתה לו ולזרעו אחריו ברית כהנת עולם. בדוד כתיב כרתי ברית לבחירי נשבעתי לדוד עבדי. שבעה אבות שכבו בכבוד עולם ולא שלטה בהם רמה ותולעה ואלו הן אברהם יצחק ויעקב ומשה ואהרן ומרים ובנימין בן יעקב וי״א אף דוד

נייטר זיך פון תרעומות וואררום ווען דו וועסט האבן תרעומות אויף איין מענטשן וועסטו גיוויס פיל זינדיגין שבעה זיבין אבות הט השי״ת מיט זיי כורת ברית גיוועזן מחמת זיי האבן זייער פיל גבראכן זייער נאטור אונ זיי האבין גיטאן דעם אויבערשטינס רצון אברהם האט גמאכט וויסין אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט אונ האט גיטאן פיל חסד אויף דר וועלט ער הט זיך גלאזין ברענען פון וועגן השי״ת יצחק הט גלאזין זיך שעכטין פון וועגין השי״ת יעקב איז גיזעסין פיל יאר אין בית המדרש פון שם ועבר אונ הט גידינט צו לבן זייער ערליך משה איז גיוועזן א גרוסער עניו אהרן הט גימאכט זייער פיל שלום ביי אידין אונ הט גמאכט אלע אידין פאר לומדי תורה פנחס הט זיך אן גנומען קנאת ה׳ צבאות. דוד הט גטאן גרויס תשובה אונ הט זייער פיל גלויבט דעם בורא אין ספר תהילים. דאס מיינט אונז די מתני׳ אז איטליכר מענטש זאל זיך אפ לערנן פון זייערע מדות וועט אים אויך אזוי גיין גוט אויף אייביג אים מיט די קינדר כי מעשה אבות ירשו בנים אונ איטליכר איד דארף זאגין מתי יגיע מעשי למעשי אברהם יצחק ויעקב ווען וועט השי״ת הנאה האבן פון מיינע מעשים טובים אזוי וויא פון די מעשים פון אברהם יצחק ויעקב. שבעה זיבין אבות האבן גירוט מיט גרויס אייביגן כבוד אונ ווערים האבן איבער זיי ניט קיין שליטה, אונ

דאס

שנאמר לכן שמח לבי ויגל כבודי אף בשרי ישכון לבטח׃ תשעה נכנסו בחייהן בג״ע. ואלו הם חנוך בן ירד אליהו ומשיח ואליעזר עבד אברהם וחירם מלך צור. ועבד מלך הכושי ויעבץ בנו של ר׳ יהודא הנשיא ובתי׳ בת פרעה וסרח בת אשר. וי״א אף ר׳ יהושע בן לוי׃

פרק ב כל דרכיך יהי׳ לשם שמים. הוי אוהב את השמים וירא מן השמים. הוי חרד ושש על כל המצות. שב לפני הזקנים והטה אזניך לשמוע את דבריהם. והקשב אזניך לדברי חבריך ואל תהי נבהל להשיב׃ ותהא מחשב דברים כענין. ואמור על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. והוי מודה על האמת. ואל תדבר בפני מי

דאס זיינען זיי אברהם, יצחק, ויעקב, ומשה, ואהרן, מרים, ובנימין בן יעקב אונ אנדערע זאגן אויך דוד ווארום אזו שטייט אין פסוק לכן שמח לבי דרום פרייט זיך מיין הארץ אונ מיין כבוד מיין לייב וועט רוען זיכר׃ תשעה ניין זיינען אריין לעבעדיג אין גן עדן. דס זיינען זיי חנוך, דר זון פון ירד. אליהו. משיח. אליעזר אברהם׳ס קנעכט חירם קיניג פון צור. עבד מלך הכושי. ויעבץ דער זון פון ר׳ יהודא הנשיא. בתי׳ בת פרעה אונ סרח בת אשר אנדערע זאגין אויך ר׳ יהושע בן לוי׃

פרק ב כל אלע דיינע וועגין זאל זיין פון וועגין השי״ת היינו בעת דו האנדילסט כדי זאלסט קענען געבן קינדער אין חדר לערנען אדר כדי צו פארדינען ארובל. איך זאל ניט דארפן טאן קיין עולה. דלת מאכט פסלות עס כדי זאלסט האבן כח צו לערנען תורה הוי האב ליב דעם בורא אונ האב מורא פאר אים הייל זיך צו האפן טאן אין מצוה ווארום ווער וויס ציא ווער שפעטר זוכה זיין צו טאן איר. אונ פריי זיך בעת דו טוסט די מצוה שב זיץ לעבען לומדים והטה אונ לייג צו דיינע אויערין צו הערין זייערע רייד הער איין די רייד פון דיין חבר ואל דו זאלסט ניט זיין קיין גיהייל טער צו ענטפערין זאלסט זיך איבר רעכענען פריער די רייד ווי עס פאסט צו ריידין.

ווען

שגדול ממך בחכמה. ואם חפצו ללמוד אתך לא תאמר שמעתי. ואם שאלוך דבר קטן ואי אתה יודע בו אל תבוש לומר איני יודע. ואם שנית לך ולא שמעת אל תבוש לומר שנה לי. ואל תשא פנים לעצמך לאמר שמעתי. עשה דברים לשם פעלם ודבר בהם לשמם אל תשימם כעטרה להתעטר בהם ולא כקרדום לבקע בהן. ולא כמר לחפור בהן קבל עליך דברי תורה בצער. ואל תהי מבקש עלבונך חשבון יפה ופרק טוב. הבטחתך תהי׳ אמת. הוי אוהב

ווען מען פרעגט ביי דיר צוויי פראגעס ענטפער אויף די ערשטע פראגע פריער נאכהער אויף די צווייטע. רייד ניט קעגן איין גרעסערן למדן פר דיר. ווען מען וויל לערנן מיט דיר זאג ניט איך האב שוין דאס געהערט איין מאל. ווען מען פרעגט ביי דיר אקליינגקייט און דו ווייסט דס ניט שעם זיך ניט. און זאג איך ווייס ניט. ווען דו האסט גילערנט און האסט ניט פארשטאנען שעם זיך ניט בעט מען זאל דיר נאך אמאל ערקלערן ביז וואנען דו וועסט פארשטיין און גיב זיך ניט אפ כבוד צו זאגן איך פארשטיי ובאמת איז ניט אזו. טו די מצות פון וועגן דר מצוה. ניט פון וועגן גאוה. און רייד אין דר תורה כדי עס זאל ארויס אריכטיגער דין אז זאלסט וויסן וויא צו טאן דעם רצון פון השי״ת מאך ניט די תורה פאר איין קרוין צו קריגען זיך מיט איר און ניט פאר איין האק צו שפאלטין האלץ און ניט פר איין רידיל צו גראבן די ערד. דס מיינט מען דיין תורה זאל ניט זיין פון כבוד וועגן און ניט כדי זאלסט האבן ברויט איצטער אדר שפעטר פון איר נאר פון וועגן השי״ת אליין נעם אן אויף זיך די רייד פון דר תורה האץ עס איז דיר שווער און זוך ניט אזאך וואס דו וועסט האבן דער פון בזיונות וואורום דר וואס זוכט כבוד הט ער בזיונות חשבון רעכין אויס איטליכע זאך זייער גוט. און עס זאל פאסטין צו דר צייט. הבטחתך דיין צוזאג זאל זיין אמת. דס הייסט מען זאל זיך קענען פארלאזין אויף דיין ווארט הוי האב ליב די תורה און גיב איר גרויס כבוד. האב

אוהב את התורה המכבד את התורה אוהב את הצדקות ואת התוכחות ואת המישרים . ואל תרדוף אחרי כבוד ואל תגים דעתך בהוראה . דע שמן היום ולמחר בין שהוא שלך בין שאינו שלך אינו שלך. את שלך אינו שלך. ואת שאינו שלך. למה הוא לך . עליו הכתוב אומר הוי המרבה לא לו ומכביד עליו עבטיט. למוד להיות גומר בטוב. הוי עלוב ואהוב לכל ושפל רוח ולשון רכה. הוי קל לראש ונוח לתשחורת. סוחר טוב ורווח כתף. הרחק מן המביא לידי עבירה . הוי נרתע מחטא הקל שלא יביאך לחטא חמור הוי רץ למצוה קלה ובורח מן העבירה שהיא תביאך:

ליב די צדקות. האב ליב דעם מענטשין וואס שטראפט דיר דר וואס ווייזט דיר ווי זאלסט זיך פירין. הב ליב יושר יאג זיך ניט נאך כבוד. זיי ניט גרוים ביי זיך ווען עס קומט דיר איין שאלה צו פאסקענען ווארום טאמר האסטו אטעות דען וויסין זאלסטו אז פון היינט ביז מארגין איז סיי וואס עס איז ביי דיר דיינע אדר ניט דיינע איז דאס אלץ ניט דיינע. ענטפר מען קען צו נעמען די געלט פון דיר אדר דיר פון די געלט. היינט מה דאך אז דיינע איז ניט דיינע טוא וואס זע דארפסטו ניט דיינע עליו אויף אזו איין מענטשן שטייט גישריבן הוי ווי גשריען אויף דעם וואס מערט האב אונד גוטס ניט פאר זיך. ער שלעפט מער ניט אוועק אגראבע שטיק ליים דאס הייסט דעם גוף. לכויד געוויין זיך איין צו קאנצין דיין גישעפט מיט גוטסקייט אז דיינע שותפים זאלן צו דיר ניט האבן. לאז בעסער דיינע איבר גיין אפילו ווען יענער איז קעגען דיר מעיז פנים אלע זאלין דיר ליב האבין רעכען אז דער צווייטער איז בעסער פאר דיר רייד מיט אים ווייכע אונ גוטע רייד. זיי גישווינד פאלג איין גרעסערן פון דיר. אונ ווייך אונ גוט צו אין אינערין . זייא אגוטער סוחר . פויל זיך ניט צווא פערדינען מיטין אקסיל דס הייסט חאטשע צו זיין אטרעגער . ווארום דס איז אכשרה פרנסה אנטלויף נייט פון אזו אפרנסה וואס ברייגנט צו איין עבירה.

לידי המורה. יהי כבוד חבירך חביב עליך כשלך. הוי מייקר את כל האדם. אל תאמר אשנה לזה שיאכילני ולזה שישקני ולזה שילבישני ולזה שיכסני מוטב שתתבייש מעצמך ואל תתבייש מאחרים. ואל יביישך שיניך ואל יבזוך פיך. ואל יקללוך לשונך ואל יכלימוך שפתיך ואל תשתחוה לדבריך אם חפץ אתה להדבק באהבת חבריך הוי נושא ונותן בטובתו. ואם אתה רוצה להתרחק

היי זאלסט ווערין צימערט פאר איין גרינגע עבירה. כדי זי זאל דיר ניט ברענגען צו איין הארבע עבירה הוי זאלסט לויפין טאן איין גרינגע אונ איין קליינע מצוה. אבער אנטלויף פון איין עבירה ווארום די קליינע עבירה וועט דיר ברענגן צו איין גרויסע עבירה ווארום פון איטליכע עבירה ווערט באשאפן א מלאך חבלה אונ ער רעט אן דעם מענטשן צו נאך איין עבירה. דעם חברס כבוד זאל זיין ביי דיר טייער ווי דיינער. גיב כבוד איטליכען מענטשין. זאג ניט איך וועל לערנען מיט דעם כדי ער זאל מיר געבין עסין אדער טרינקען אדער אגוד. ווארום א איד דארף לערנען דעם צווייטען אומזיסט. בעסער שעם זיך פון זיך זעלבסט איידער דער צווייטער זאל דיר מבייש זיין. דאס הייסט פאר שטייא אליין דיינע ניט גוטע מעשים אונ טוא אויף זייא תשובה. איידער אנדערע זאלין דיר אויף ווייזין. דיינע ציינער זאלין דיר ניט פארשעמען מיטן עסין. דיין מויל זאל דיר ניט שענדין. היינו זאלסט ניט זיין שיכור. דיין צונג זאל דיר ניט שילטין. דאס הייסט זאלסט מיט קיין מענטשין זיך ניט קריגין וועט מען דיר ניט שילטין. דיינע לעפצין זאלין דיר ניט פארשעמען. זאלסט ניט ריידין מיאוסע רייד. וועט מען פון דיר ניט לאכין. זאלסט זיך ניט בוקין צו דיינע רייד. ווארום אז איין מענטש רעט אויס איין נארישקייט קען ער שוין ניט חאפין צוריק. ווילסטו האבין איין גוטין חבר ער זאל זיין דיר ליב אונ צו גיקלעפט זע סטארע זיך פר אים גוטעס. ווילסט אנטלויפן פון זינד בארעכין זיך וואס פון די זינד קען ארויס קומען דער סוף.

מחטא צא וחשוב ועיין בסופו. חשוק נפשך במצוה שנן ורנן בפרטיו אם הטיבות הרבה יהי׳ בעיניך מעט. ואל תאמר משלי הטיבותי אלא ממה שהטיבו לי וצריך אתה ליתן הודאה לשמים. ואם הטיבך מעט יהי׳ בעיניך רבה ואל תאמר בשביל מעשי המג׳נים הטיבו לי אלא בשביל מעשי ההגונים הטיבו לי. שנא׳ ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו. ואם הרעות מעט יהי׳ בעיניך הרבה ואמר אוי לי כי חטאתי אוי לי כי בא מכשול על ידי. אם הרעיך הרבה יהי בעיניך מעט ואמור כמעט נגביתי והלא יותר מכן הייתי ראוי:

חשוק דיין לייב זאל געלוסטען מצות. זינג שארף די פרטים פון די מצוה וועסטו זעהען ווי זיס זי איז. האסטו גיטאן גוטעס אפילע זאל זיך דיר דורכטין אין די אויגן אביסיל. ווארום נאך די גרויסקייט נאך פון השי״ת איז דאך אונזערע מעשים גאר נישט. זאג ניט איך האב גטאן גוטס פון מיין געלט דאס איז וועמעס ער האט מיר גיגעבין פון זיינע טוו איך צדקה אונ דארפסט דאנקען השי״ת אז ער הט דיר מזכה גיוועןן צו געבין צדקה. זאג ניט אז מען גיט מיר רייכקייט אונ גוטס מסתמא זיינען מיינע מעשים גוט אין די אויגן פון השי״ת ניין צוליב דעם האט מען מיר גיגעבין גוטס טאמער האב איך גיטאן אויף מיין לעבין אמצוה גיט מען מיר אוועק אויף דער וועלט. כדי איך זאל ניט האבן יענע וועלט אזו שטייט ומשלם לשונאיו אל פניו להאבידו האסטו גטאן אביסל שלעכטס. זאל זיין אין דיינע אויגן אפולע. ווארום בארעכן זיך אנטקעגין וועמען האסטו זיך גישטעלט ניט פאלגען אנטקעגין השם יתברך. זאג אזוי ווייא איז מיר איך האב גיזינדיגט. ווייא איז מיר עס איז גיווארין אמכשול דורך מיר. אויב מען האט דיר גיטאן שלעכטס אפולע טראכט אז דס איז ניט פיל. איך בין דאך מער ווערט גוועזין דריבר זאלסטו אויף השי״ת קיין טרעומות האבין זיי דאס מקבל באהבה.

פרק ג תן דעתך עד שיצא מפיך. חשוב מעשיך בדרך ארץ. ותן שכר לפסיעותיך צדק הדין עליך. והוצא עצמך מן תערומות. הוי דן את חבירך לכף זכות ואל תכריעהו לכף חובה. הוי שש בחלקך והתנאה במעוטך ואל תשנא את המוכיחך יהי חלקך מבורך לעולם עין טובה ונפש שבעה. למד לשונך

פרק ג תן רעכין זיך אויס דעם ווארט איידר דו לאזט אים ארויס פון מויל. טאמר איז ניט רעכט צו זאגן דעם ווארט זאלסטו אויס רעכענען דיינע מעשים פון דרך ארץ צו לוינט דם צוטאן אדר ניט ותן שכר לפסיעותיך זאלסט אפילו אטריט ניט גיין וואו עס וועט ניט זיין קיין פעולה טובה דער פון. היינו תורה אדער יראת שמים אדער פרנסה איז אויך אגרויסע מצוה אדר דארפסט גיין שפאצירן פון גיזונט וועגן איז אויך אמצוה ווי השי"ת משפט דיר זאלסטו זאגין מיט איין ריכטיגען געדאנקען דאס קומט מיר אזוי ווארום השם יתברך וויל ניט טאן אמענטשין קיין שלעכטס מער גישט אז דר מענטש פאר זינדיגט מוז מען דאך אים לייטערין מיט יסורים ווי א דאקטער גיט איין קראנקען ביטערע מעדיצין נעם זיך ארויס פון תרעומות משפט דיין חבר צו כף זכות דאס מיינט מען ווען דוא ווייסט ניט צו ער איז גירעכט אדער ניט זאג מסתמא מיינט ער דאס פון מצוה וועגן אונ פסקען אים ניט אפ אז ער איז אום גירעכט. פרייא זיך מיט דיין חלק וואס השי"ת האט דיר געגעבין אונ פוץ אויס די ביסעלע וואס דו האסט זאל זיין שיין ריין אונ ציכטיג. האב ניט פיינט דעם מענטשין וואס טרייסט דיר צו גוטין. דיין חלק זאל זיין גיבענטשט אויף אייבג. דאס מיינט מען אז אלע זאלן דיר ליב האבן וועלן זיי דיר בענטשין. ופשיטא אז השי"ת וועט דיר דאמאלס בוודאי בענטשין. ווארום ווען מענטשין האבין ליב איז השם יתברך פון יענעם צופרידין. עין איין גוטע אויג זאלסטו האבין דאס מיינט מען פארגין יענעם וואס השי"ת האט אים גגעבן. באנוגין זיך מיט דיעם השי"ת האט דיר גיגעבין למד

גיוויין

לאמר איני יודע שמא תתבדה ותאחז אם רפית במצוה אחת סופך לרפות במצוה אחרת כיוצא בזה. אם הקלות פומך להקל מצוה אחת סופך להקל באחרת כיוצא בזה ואם עברת על דברי תורה ברצונך מעבירים אותך ברצונך ושלא ברצונך. אם נטלת את שאינו שלך את שלך יטלו ממך. הוי זהיר בקדשים בין בנתינתן ובין באכילתן, הוי עלוב ואהוב לכל אדם ולאנשי ביתך יותר מכל (ואם התרעמת ונלחמת ועשית מריבה בתוך ביתך סופך

געוויין איין דיין צונג צו זאגין איך ווייס ניט טאמער וועט מען דיר חאפין ביי איין ליגין. האסטו זיך גיפוילט אונ ביזט גיוועזן שלאף צו איין מצוה וועסטו גיווים זיך פוילין צוטאן נאך אזו איין מצוה. האסטו גמאכט פריי דיין מויל צו ריידן שלעכטם אויף איין מצוה וועט ווערן דיין מויל פריי אונ גרינג אונ דו וועסט מבזה זיין נאך אזו איין מצוה. אונ אויב דו האסט גיטאן איין עבירה מיט דיין גוטין ווילין. וועסטו טאן אפולע עבירות ווילינדיג אונ ניט ווילינדיג. ווארום פון די עבירות ווערין באשאפין מלאכי חבלה וואס זיי שיקין דעם מענטשין צו אלע וויילע עבירות גם הרגל נעשה טבע דם ווערט שוין ביי אים אנאטור ער מוז שוין זינדיגען. האסטו גינומען פרעמדע וועט מען דיינע ביי דיר אויך צו נעמען. היט זיך אין די היילינע קרבנות סיי בעת דו נעמסט אויף זיך צו געבען זיי אין בית המקדש. אדער בעת דו עסט זיי זאלן זיין מיט קדושה וטהרה. הוי זאלסט זיין איין עלוב דס הייסט דו זאלסט קענען ליידן אז מען איז דיר דער ווידער. דו זאלסט זיין גליבט צו אלע מענטשין. אונ צו דיין הויז גיזינד מער פון אלעמען. ווארום אין שטוב ביי זיך איז דאך אמענטש ווי אמלך דארף ער זיך היטן מער ער זאל זיי ניט מצער זיין. אונ אויב דו האסט אן געהייבין מאכין קריג אין שטוב וועט זיין דר סוף פון דיר צו גיין אין גיהנם. ווארום אמחלוקת וואס עס מאכט זיך אין שטוב איז פיל ערגער ווי אפרעמדע. ווי די היילגע גמרא זאגט קשה מחלוקת בתוך ביתו של אדם יותר ממאה מלקות עס איז

ערגער

לירד לגהנם) . תחלת דברים פתח לאולת תחלת טומאות פתח לע״ז תחילת קלות ראש בנשים פתח לניאוף . אם ערבת ערבת על מנת לשלם ואם לוית לוית ע״מ לפרוע אם הלוית הלוית ע״מ לתבוע . הוי מחשב תשובה ולפסוק את החשבון קנה שם טוב קנה לעצמו קנה לו דברי תורה קנה לו חיי העוה״ב . אין הביישן למד ולא הקפדן מלמד ואין עם הארץ חסיד . ואין בור ירא חטא ולא כל המרבה

ערגער אקריג אין אמענטשינם שטוב מער וויא הונדערט מלקות ווארום עס קען גטאן ווערן אין איין טאג הונדערטע עבירות אונ מיא פילט דם גאר ניט למשל שנאה . נקמה . קללות . הזכרת השם לבטלה . בקלה אבי׳ . לא תעמוד על דם ריעך . לשון הרע . רכילות . שמח לאיד . דער כלל בעת מחלוקת איז מעֻנעובר אויף כל התורה כולה. הייבסטו אן ריידן אפולע עפינט זיך אטיר פון נארשקייט. הייבסטו אן מטמא זיין זיך עפינט זיך אטיר פון ע״ז. הייבסטו אן צו שמועסן אונ לאכן מיט נשים איז דס איין אנהייב פון זנות וועסטו לסוף גיוויס טאן איין עבירה פון זנות. ביזטו גיוועזן איין ערב . ביסטו גיוועזן אויף צו באצאלן איין ערב טו האב ניט קיין פאריביל אז דו דארפסט באצאלן. האסטו גילייען געלט. האסטו גילייען אויף צו בצאלן טו טראג אפ פריער ווארט ניט. אויב דו האסט איינעם גיליען. האסטו גוואוסט פריער אז דו וועסט דאר־פין מאנען. טו האב ניט קיין תרעומות אז דו דארפסט גיין מאנען . הוי טראכט איבער די תשובה ווס יענער האט גיענטפערט בעת דו מאנסט ביי אים געלט טאמר איז ער טאקע גרעכט אונ ער הט טאקע ניט. אונ זעה ניט אפ צו ציען לאנג קיין חשבון כדי עס זאל זיך ניט מאכן קיין טעות. דר ווס האט זיך איין גיקויפט איין גוטין שם האט ער דאך פאר זיך איין גיקויפט. דר ווס האט זיך איין גיקויפט תורה האט ער זיך איין גיקויפט עולם הבא . לא דער ווס שעמט זיך צו פרעגין ביין רבין איז ער ניט קיין למדין. דער ווס איז איין כעסן קען ניט זיין קיין מלמד. איין עם הארץ איז ניט קיין חסיד . איין בור קען ניט

בסחורה מחכים ושים עצמך בתורה יותר מעל סחורה; חמשה עשר דברים נאמרו בת"ח ואלו הן נאה בביאתו. ונאה ביציאתו. חסיד בישיבתו. ערום ביראה. פקח בדעת. חכם בדרכיו. כונס. וזכרן מרבה. להשיב. שואל כענין. ומשיב כהלכה. שומע ומוסיף על כל פרק דבר. הולך אצל חכם. ולמד ע"מ ללמד ועל מנת לעשות אל תהי' כאסקופה העליונה שמחבל את הפנים. ולא כאמצעות שמנקפת את הרגלים וסופן להסתר אלא הוי כאיסקופה התחתונה שרוב בני אדם דורסין

מורא האבן פאר איין זינד. דער וואס האנדילט פיל ווערט ניט קלוג. לערין מער ווי האנדיל. חמשה עשר פופצען זאכין געפינט זיך אין איין תלמיד חכם. ער איז שיין אז ער גייט אריין אשטוב מיט אפרייליכן גוט מארגן. אונ עס איז שיין אז ער גייט ארויס פון שטוב. ער זעגינט זיך זייער שיין ער איז פרום בעת ער זיצט אויף איין ארט. דס מיינט מען ער קריכט ניט העכר ער זיצט בעסר נידעריגר. ער איז קלוג אין יראת שמים. ער איז קלוג אין וועלטליכע זאכן. ער איז קלוג אין זיין פיר. דס מיינט מעודי תאוה פר פירט אים ניט אין איין שלעכטע וועג. ער זאמילט איין אין מות תורה. אונ ער גדיינקט די תורה ער רעט פיל ארום די תורה וואס ער הט גלערינט. ער פרעגט אשאלה איז צו דר זאך. אונ ענטפערט אתירוץ ריכטיג ווי דר אמת איז שומע ער הערט איין פון זיין רבין אונ פון איטלכן פרק קומט אים צו איין נייער דין. ער גייט צום חכם. ער לערנט כדי ער זאל קענען לערנן מיט לייטין אדר מיט אייגנע קינדר אונ כדי ער זאל וויסין ווי צו טאן די מצות. אל זאלסט ניט זיין ווי דער אויבערסטער אוסאק וואס מיא שלאגט אף דעם פנים. אונ ניט ווי דר מיטעלסטער שוועל וואס מען שלאגט אף די פים: אונ לסוף נעמט מען איר צוא אונ מען ווארפט איר אוועק. זייא ווי דער אונטערסטער שוועל וואס דס רוב מענטשין טרעטין אויף איר אבער זי בלייבט אייביג אפילו ווען מען נעמט

אותה ולסוף כל הבנין כלו נסתר והיא עומדת במקומו:

פרק ד תלמידי חכמים נאים בחבורה ואין עמי הארץ נאים בחבורה העוסק במקרא מדה ואינה מדה במשנה מדה שנוטלין עליה שכר תלמוד אין לך מדה גדולה מזו. ולעולם הוי רץ למשנה יותר מן הגמרא עשה תורתך בחנם ולא תטול עליך שכר שהמקום נתנה בחנם ואין נוטלין שכר על דברי תורה ואם אתה נוטל שכר (על דברי תורה) נמצא מחריב את כל העולם כלו אל תאמר אין לי ממון שכל הממון שלו הוא שנאמר לי הכסף

פארנאנדער די גאנצע שטוב. דס מיינט אז א מענטש לאזט זיך טרעטין פון אלעמען. עס זאל בעסר זיינע איבערגיין איז אפילו אז עס מאכט זיך א צרה אויף דער וועלט ער בלייבט אויף אייביג און אלע ווערין אים גוטע פריינד:

פרק ד תלמידי חכמים זיינן שיין אין קאמפאניע. מחמת זיי קלייבין זיך צוזאמען פון וועגין דעם אמת. און אמת איז דאך מער ניטא ווי איינר דארום שטימען זיי אלע אויף איין דעה. אבר עמי הארץ ווי באלד זיי קלייבין זיך נאר צוליב איין תאוה. און זייערע תאוות איז דאך ניט גלייכע. דעריבער קענען זיי ניט שטימען אלע מיט איין דעה ווערט ביי זיי מחלוקת העוסק דער וואס לערינט מקרא איז דאס א מדה אבר ניט אין גאנצן. מחמת מקרא מוז האבן א פירוש די תורה שבעל פה. אבר משנה איז שוין א מדה וום מיא נעמט פר איר שכר. אבער גמרא קען שוין בעסער ניט זיין פון דעסטוועגין זאלסטו לויפן בעסער צו משנה איידר גמרא מחמת דאס איז גרינג און דאס קען איטליכער מענטש וועט ער דאס גיוויס ניט אוועק ווארפן. עשה דיין תורה זאלסטו מיט לייטן לערנן אומזיסט נעם ניט פר אים קיין געלט ווארום השי"ת האט איר אונז אויך גיגעבין אומזיסט און אויב דו וועסט ניט וועלן לערנן סיידן פר געלט איז גלייך ווי דו ביסט מחריב די גאנצע וועלט. זאג ניט איך האב קיין געלט ניט איך וועל אנקלייבן

ולי הזהב אמר ה׳ צבאות. אם עשית צדקה תזכה לממון ואם זכית לממון עשה ממנו צדקה בעוד שהוא בידיך קנה ממנו העוה״ז ותנחול העוה״ב ואם אין אתה עושה ממנו צדקה יעוף פתאום שנאמר התעיף עיניך בו ואיננו אל תאמר איש פלוני חכם ואני איני חכם שלא שמשת כיוצא בו אל תאמר איש פלוני עשיר ואני איני עשיר שאין אדם זוכה לשתי שולחנות. אל תאמר איש פלוני נאה ואני מכוער שבשעת המיתה נעשה כנבילה. ולא עוד שהנבילה מוכרה. או נותנה בחנם ונבלת האדם אין כל ברי׳ יכולה להשגיח עליו אל תאמר איש פלוני גבור ואני חלש שאי גבורה אלא בתורה שנאמר ברכו ה׳ מלאכיו גבורי כח עשי דברו לשמוע בקול דברו דברי אלה יהי׳ על לבבך. דע מאין

אפילע געלט וועל איך לערנן מיט לייטן אומזיסט. גיין גאר די געלט איז שייך צו השי״ת וואורום אזו שטייט גישריבן לי הכסף ולי הזהב אמר ה׳ צבאות האסט געטאן צדקה וועסטו זוכה זיין צו האבן געלט אויב דו האסט זוכה געוועזן צו האבן געלט טו פון אים צדקה כל זמן דו האסט געלט אין האנט קויף זיך איין עוה״ז אונ עוה״ב וואורום אז דו וועסט געבין צדקה וועסטו האבין אפילע גוטע פריינד אויף דער וועלט ובפשיטא אויף יענע וועלט. אונ אויב דו וועסט קיין צדקה ניט טאן וועט די געלט פון דיר אוועק פליען פלוצלונג ווי עס שטייט גישריבן אין פסוק התעיף עיניך ואיננו. אל זאג ניט יענר איז קלוג. וואורום בין איך ניט באשאפן גיווארין אזו. יענר האט מער גילערינט אונ באדינט תלמידי חכמים. האט ער פון זיי אנגיהערט חכמה. דעריבר איז ער איין חכם. זאג ניט פרוואס איז יענר רייך אונ איך ניט? וואורום מיזז ניט ניט אלע מענטשן בייעדע טישין רייכקייט אונ חכמה. אפשר האט יענר אזכות אונ דו ניט. זאג ניט פארוואס איז יענר שיין אונ איך בין באשאפן גיווארין ניט אין שיינעם גישטאלט באר־עבן זיך נאך דעם מענטשנס טויט ווערט ער ווי א נבילה איז דאך ניט די שיינקייט אין

גוף

באת. ולאן אתה הולך. ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון אל תתן עיניך בממון שאינו שלך שהן משקעות שערי הרקיע ואל תתן אזניך לשמוע דברים בטלים שהן נכוות תחלה לאברים ואל יספר פיך לשון הרע שה״א נכנס תחילה לדין. ואל ימצא בידך לשון הרע לא דבר רע ולא דבר גזל שכל איברך יעידו בך ואל יקדמוך רגליך לדבר עבירה שמא יקדמך מלאך המות ואל תתירא מבית דין של מטה שהרי עדיך אוהבי ממון הם אלא הוי מתירא מב״ד של מעלה

גוף דר עיקר. נאר אין שכל מיט דר נשמה אונ די נבילה פון איין מענטשן איז נאך ערגער ווי פון איין בהמה ווארום אנבילה קען מען פארקויפן אדר אוועק שיינקען די פעל איז עפעס ווערט. אבער אמענטש נאך זיין טויט איז ער גארנישט ווערט קיין מענטש קען אויף אים ניט קוקין. זאג ניט יענער איז איין גבור אונ איך בין שלאף. גבורה איז מער ניט אין תורה אז איין מענטש ברעכט דעם נאטור אונ טוט מצות אזו שטייט ברכו איר מלאכים ווס זיינן שטארק אין כח ווס טוען דעם רצון פון השי״ת ווס הערן צו זיין תורה אונ פאלגן אים בענטש אונ לויבט אים. די רייד מיינע זאל זיין ביי דיר אויפן הארצן. באטראכט זיך פון וואנען ביזטו געקומען אויף דר וועלט אונ וואוהין גייסטו אין קבר אונ פאר וועמען דארפסטו אפ געבין דין וחשבון פאר השי״ת דין פר דר עבירה אונ חשבון אין דר צייט פון דר עבירה האסטו געקענט טאן אמצוה אל קוק זיך ניט איין אויף פרעמדע געלט ווארום צוליב דעם ווס עס ווילט זיך אמענטשן דעם אנדערנס געלט ווערט איינגעזונקען די טויערן פון הצלחה פון הימל. אפילו עס איז אפין פר דיר הצלחה וועט מען דיר אויך ניט געבן. לאז ניט צו דיינע אויערן צו הערין דברים בטלים. (רייד ווס עס קומט ניט ארויס דר פון תורה יראת שמים. פרנסה. שלום) ווערט אנגירופן דברים בטלים. ווארום דיינע אויערן וועלן פרברענט ווערן פריער פר אלע גלידר. דיין מויל זאל ניט ריידן קיין לשון הרע ווארום דעם צונג פר לשון

הרע

שעדים מעידים בך למעלה. ולא עוד אלא שמכריזין עליך בכל שעה ושעה אם עשית דברי בשמחה פמליא שלי תבוא לשחריך ואף אני בעצמי אצא לקראתך ואומר לך בואך לשלום. עיניך שלא נתת בממון שאינו שלך יאירו בחשך לילה ואפילה שנא׳ יזרח בחשך אורך ואפלתך כצהרים. אזניך שלא שמעת בהם דברים בטלים. הם יקשיבו

הרע שטעלט מען פריער צום דין עס זאל זיך ביי דיר ניט געפינען קיין לשון הרע. דס מיינט מען ווען איינער רעד לשון הרע זאלסטו ניט וועלן הערן. אונ זאלסט אים שטראפן פארוואס ער בארעט זיין חבר. קיין שלעכטע זאך קיין גזילה זאל ביי דיר ניט זיין. ווארום אלע דיינע גלידער וועלן אויף דיר זאגן עדות. דיינע פיס זאלן ניט לויפן צו איין עבירה. טאמר וועט דר מלאך המות לויפן נעמען דיין נשמה פר דר צייט ווי איין מענטש פירט זיך אזו פירט מען זיך מיט אים. אפילו ווען דו האסט שוין ניט מורא פר ב״ד של מטה. מחמת דו קענסט דיינע עדות אונטער קויפן. דארפסטו מורא האבן פאר ב״ד של מעלה. עס זאגין אויף דיר עדות אלע מעשים דיינע אויפן הימל. ולא עוד אונ נאך מער מיא רופט אויס אלע מעשים וואס דו טוסט אלע רגע אויף דיר. ווי עס שטייט אין הייליגע ספרים דר סוד פון טעלעגראף ווי עס קלאפט זיך דא אזו קלאפט אפ פר וויפיל טויזנד מייל. אזו איז אלע מעשים ווי עס מאכט זיך דא אזו מאכט זיך אויפן הימל איטליכער ווארט אם האסטו גטאן מיינע מצות בשמחה וועלן ארויס קעגין דיר מיינע מלאכים אונ צדיקים פון די הייליגע ישיבות פון גן עדן. אונ איך אליין זאגט השי״ת וועל ארויס קעגן דיר. אונ וועל זאגן דיר דיין קומען אהער איז צו שלום. דיינע אויגן וואס האבן ניט גלוסט פרעמדע געלט וועלן זיי לייכטן דיר אפילו אין דר פינסטער. אזו שטייט געשריבן אין פסוק יזרח עס וועט שיינען דיין ליכטיקייט אפילו אין דר פינסטער דיין פינצטערניס וועט אויך זיין ליכטיג אונ פרייליך ווי אין מיטן טאג. דיינע אויערן וואס האבן ניט געהערט קיין דברים בטלים וועלן דיר

מאכין

הקדמה

דִּי הֵיילִיגֶע מַסֶּכֶת דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. אוּנ פְרִיעֶר פַאר אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָעקְס אוּנ צְוַואנְצִיג דוֹרוֹת. וְויא דִיא גְמָרָא זָאגְט כ"ו דורות קדמה ד"א לתורה הֶער מֶענְטְשׁ וָואס וִויל זַיין גוּט צוּ השי"ת אוּנ צוּא לַייטִין זָאל רַק לֶערְנֶען אִין דִּי מַסֶּכֶת דרך ארץ אִין דִּי הֵיילִיגֶע מַסֶּכֶת הָאט גִילֶערְנְט אוּנְזֶער פָּאטֶער אברהם יצחק ויעקב בִּיז משה רבינו אֲפִילוּ חנוך נח אַלֶע צַדִּיקִים הָאבִּין גִימוּזְט לֶערְנֶען מַסֶּכֶת דרך ארץ אַזוֹי זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם. נָאר זִינְד מִיר זַיינֶען פַאר טְרִיבִּין גִיוָוארִין פוּן יְרוּשָׁלַיִם הָאבִּין מִיר פוּן צָרוֹת אָן גִיוָוארִין פִיל הֵיילִיגֶע זַאכִין אַזוֹי הָאבִּין מִיר אָן גִיוָוארִין דֶעם הֵיילִיגֶען סדר הלימוד אוּנ טַייעֶרֶע מִדּוֹת וָואס דָאס הָאט זֵייעֶר גִיקְלֵייט דִי אִידֶעשֶׁע פָאלְק. הָאבִּין מִיר אוֹיף גִיהֶערְט צוּא לֶערְנֶען דִיא הֵיילִיגֶע מַסֶּכֶת (אוֹיסֶער דִיא גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים וָואס לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה) אָבֶער פַאר צֵייטִין פְלֶעגְט אִיטְלִיכֶער אִיד לֶערְנֶען דָאס מִיט זַיין קִינְד פְרִיעֶר פָאר כל התורה כולה וָוארוּם פוּן דֶער מַסֶּכֶת קְרִיגְט אֵיין מֶענְטְשׁ אַגוּטִין כַאַרַאקְטֶער, עֶר וֵוייס זִיךְ וִויא צוּא בַּאגֵיין מִיט אַלֶע מֶענְטְשִׁין. וּבִפְרַט בַּייא אִים אִין שְׁטוּבּ וֶועט נִיט גִיהֶערְט וֶוערִין קַיין קְרִיג קַיין קְלָלוֹת. וָוארוּם דִיא מִצְוֹת וָואס בין אדם לחבירו אִיז אַסַךְ הַארְבֶּער וִויא בין אדם למקום אוּנ בַּייא אוּנְז אִיז דֶער רְגִילוּת פַארְקֶערְט. אַז אַמִצְוָה שבין אדם למקום אֲפִילוּ אַהִידוּר מִצְוָה טֶערְר נִיט וֶועט אַמֶענְטְשׁ בְּשׁוּם אוֹפֶן נִיט עוֹבֵר זַיין. אָבֶער אַמִצְוָה שבין אדם לחבירו אִיז זֵייעֶר שְׁלַאף. לְמָשָׁל אַקַצָּב עֶר קֶען זַיין וִויא פְרָאסְט וִויא נִיט פְרוּם, וֶועט עֶר אוֹיף זִיךְ נִיט מֵקֵל זַיין אֲפִילוּ אַף אַמִנְהַג קַל. וּבִפְרַט וִויא עֶס אִיז אַשְׁאֵלָה עֶס קֶען אִים קָאסְטִין פוּפְצִיג רוּבִּיל וֶועט עֶר ח"ו נִיט שְׁטֶעלִין אוֹיף זִיךְ. אוּנ פְרֶעגְט בַּייא אֵיין רָב וִויא השי"ת הָאט אוּנְז גִיהֵייסִין אִין דֶער תּוֹרָה. אָבֶער אַז עֶר דַארְף לַייזִין אַגִילְדִין קֶען עֶר אָפּ שְׁוֶוערִין פִינְף שְׁבוּעוֹת אוֹיף אֵיין רֶגַע. חָאץ דָאס אִיז אֶפְשַׁר אַסַךְ הַארְבֶּער. אוּנ בֵּיידֶע מִצְוֹת שְׁטֵייעֶן אִין אֵיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אוּנ מִיר הָאבִּין גִיהֶערְט פוּן השי"ת בֵּיידֶע מִצְוֹת. דִיא אִיז טַייעֶר אוּנ דִיא נִיט? וָואס אִיז דָאס פַאר אַסִיבָּה דָאס

איז

ילקק באצבעותיו לא יגסה בפני חבירו מיעוט שיחה מיעוט שחוק מיעוט שינה מיעוט תענוג. מיעוט הן הן לאו לאו. לעולם יהא אדם יודע אצל מי הוא יושב. ואצל מי הוא עומד ואצל מי הוא מיסב ואצל מי הוא מסיח ואצל מי הוא חותם שטרותיו. בארבעה דברים ת"ח ניכרים בכיסן בכוסן ובכעסן, ובעטיפתו. וי"א אף בדיבור הדר תורה חכמה הדר חכמה ענוה הדר ענוה יראה הדר יראה מצוה הדר מצוה צניעות לא יהא אדם ער בין

ניט לעקן פון טעלער מיט די פינגער ניט געבן איין גרעפץ פאר'ן צוויי טין אין די אויגן. ווייניג גירעדט. ווייניג גישמייכלט. ווייניג גשלאפן. ווייניג תענוגים זיך אנטאן. ער זאגט ניט אלעמען צו טאמר וועט ער ניט קענן מקיים זיין. אז ער ענטפערט יוא אדר ניין. זאגט ער נור איין מאל ניט צוויי מאל ווארום זיין זאגן איין מאל איז אויך גינוג. ווארום צוויי מאל איז גלייך ווי איין שבועה. איין מענטש דארף ויסן לעבן וועמען ער זיצט. לעבן וועמען ער שטייט. לעבן וועמען ער עסט. לעבן וועמען ער רעט. לעבן וועמען ער חתמ'ת זיך אויף איין שטר חוב. מיט פיר זאכן דערקענט מען איין אידעלן מענטשן. בעת ער טרינקט אין זיין כוס איז ער ניט שכור. בעת ער רעכנט זיך מיט מענטשן שטייט ער ניט איבער זיין גראשן און עס גייט בעסר זיינע איבער. בעת ער איז אין כעס האלט ער איין זיין כעס און רעט ניט אנטקעגן ופשיטא אז ער היט זיך פון אקללה. ובעת אז ער גייט אינגאס גייט ער אין איין ריינעם בגד. אנדרע זאגן פון רייד'ן קען מען אויך דר קענן איין אידעלן מענטשן ער רעט ניט הויך כדי ער זאל ניט אריין קומען אין כעס. די שיינהייט פון דר תורה איז חכמה. די שיינהייט פון חכמה איז ענוה אז מיא זאל ניט האלטן פון זיך גרויס. די שיינהייט פון ענוה איז יראה. אז מיא זאל האבן סיי פר די גרויסקייט פון השם יתברך. די שיינהייט פון מראה איז מצוה. די שיינהייט פון אמצוה איז צניעות אז מיא זאל די מצוה טאן שטיל אן לארים איז זי מער אן

גינומען

הישנים ולא יהא ישן בין הערים ולא בוכה בין השוחקים: ולא שוחק בין הבוכים ולא יושב בין העומדים. ולא עומד בין היושבים ולא קורא בין השונים ולא שונה בין הקוראים. כללו של דבר אל ישנה אדם ממנהג הבריות:

פרק ו ארבעה דברים גנאי לתלמידים לא יהא אדם מחשיך בדרך. ולא יצא כשהוא מבושם ולא לכנס לביהכ"נ באחרונה ולא ירבה בישיבתו של עם הארץ. לכניסה הגדול קודם. ליציאה הקטן קודם לעליית הסולם הגדול קודם. לירידת הסולם הקטן קודם לבית הועד

גינומען ביי השי"ת מחמת זי איז איין ריינע מצוה אן גאוה. אמענטש זאל ניט זיין אויף צווישין מענטשן וואס שלאפן. ער זאל ניט שלאפן צווישין מענטשין וואס זיינען אויף. ניט וויינען צווישין די וואס זיינען פריילך. ניט זיין פריילך צווישין די וואס וויינען. ניט זיצין צווישען די וואס שטייען. ניט שטיין צווישין זיצענדיגע מענטשין. ניט לערנען תנ"ך ביי איין טיש וואס מיא לערנט משניות. ניט לערנן משניות צווישין מענטשן וואס לערנן תנ"ך. דער כלל איז אמענטש דארף שטימען מיט אלע מענטשין וואס גלויבין אין השי"ת. ער זאל ניט טאן אזאך וואס איז אפ גיזונדערט פון מענטשין. ווארום דער פון קומט אלע מחלוקות:

פרק ו ארבעה פיר זאכן איז ניט שיין פר אלמדן. ער זאל ניט גיין ביי נאכט אליין. אונ זאל ניט גיין גישמירט מיט בשמים. אונ זאל ניט אריין אין שול שפעטר פר אלעמען. ער זאל ניט זיצין פיל צווישן עמי הארצים. אזעלכע מענטשן וואס מיא הערט ניט פון זיי קיין תורה. אדר חכמה ווען זיי דאך גוויס ריידן דברים בטלים. לשון הרע. דארף ער זיך דערפון היטין. אריינגיין דארף פריער דר עלטערער. ארויסגיין פריער דר אינגערער. ארופגיין אויפן לייטער פריער דר עלטערער. אראפגיין פריער דר אינגערער. אין בית הועד (וואו מיא קלייבט זיך זאגן דעות ווען שטאט זאכן איז פריער דר עלטערער. אין תפיסה

הגדול קודם לבית הכלא הקטן קודם לברכה הגדול קודם והמהלך שואל בשלום היושב. לא יהא אדם מיסב בפני מי שגדול ממנו. בא לפרוס את הככר בוצע במקום הצלי. ואם בא לאכול את הצנון ובצל אוכל ממקום העלין. ולא יטול את הככר ויתלוש בשיניו ויחזירנו על השולחן בא לשתות ברבים הופך פניו לצד אחר וישתה. ולא יהא אדם לא נוקדן ולא עומקן ולא גרגרן. ומוותר על קללתו ואינו מתכבד בקלון חבירו. תחילת עבירה הרהור הלב. שניה לה ליצנות׃

איז פריער דר אינגערער דער וואס גייט דארף געבן שלום דעם וואס זיצט וויבאלד ער גייט פארבייא איז אים גרינגער צו פרעגן ביין זיצינ־דיגין וואס ער מאכט אדר זאגן גוט מארגן. אונ דם גלייכן אמענטש דארף ניט זיצן אונ עסין לעבן איין מענטשן וואס ער איז גרעסר פון אים. אז ער וויל אנהייבן אלעביל ברויט דארף ער אנהייבן וואו עס איז גוט אויס געבאקן. וויל ער אנהייבן אציבעלע אדר ארעטאך זאל ער אנהייבן ביי דעם ארט פון די בלעטלאך. ער זאל ניט נעמן דעם לעבל ברויט אונ געבן אבים מיט די ציינר. סיידן מיט אמעסר אפשניידן. אז ער וויל אטרונק זאל ער ניט טרינקען פר אלעמען אין די אויגן. ער זאל אפקערן דעם פנים אן אזייט אונ טרינקן. ער זאל ניט שטעלן איטליכע זאך אפין פינטל. היינו זיין אמקפיד אין עסן אונ ער זאל ניט זיין אפרעסר. אונ זאל ניט ריידן פארשטעלטע רייד. אפילו אז מיא שילט אים זאל ער אויך מוחל זיין. ואינו ער האלט זיך ניט בכבוד מיט דעם צווייטנס בזיון. היינו ער זאגט ניט איך קען מער לערנן פון מיין חבר. אדר איך בין קליגר. איך בין אשענער מענטש פר אים. דר אנהייב פון איין עבירה איז. וואס מיא הייבט אן צוטראכטין מיטן הארצן זנות אדר תאוות. אדר שלעכטס אויף דעם אנדערן. די צווייטע זאך איז וואס אמענטש מאכט ליצנות היינו עס זעצין זיך אוועק מענטשן ברידן די וועלט אונ מיא זאגט גלייך ווערטליך וואס עס קומט דערפון ניט ארויס קיין מוסר אונ ניט קיין

פרנסה

שלישית לה גסות הרוח. רביעית לה אכזריות. חמישית לה הבטלה. ששית לה שנאת חנם שביעית לה עין הרע הוא שאמר שלמה כי יחנן קולו אל תאמן בו כי שבע תועבות בלבו:

פרק ז שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם. חכם אינו מדבר בפני מי שגדול ממנו בחכמה ובמנין. ואינו נכנס לתוך דברי חבירו. ואינו נבהל להשיב. שואל כענין ומשיב כהלכה. ואומר על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון. ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי ומודה

פרנסה ווערט דם אנגרופן ליצנות. די דריטע איז גאוה וויבאלד אז מיא האלט זיך גרויס רעד מען אויף דעם צווייטן ווארום אז ער וואלט זיך אויסרעכענן אז ער איז ערגר פר יענעם וואלט ער דאך ניט רייידין. פון גאוה קומט כעס. אונ עס איז קנאה די וועלט. די פערטע איז ווס עס געפינט זיך אכזריות. עס ארט ניט ווס יענם איז ניט גוט דערפון וואס איך באריידט אים. די פינפטע איז ליידג. אומגיין אז אמענטש גייט אום ליידג אן אמלאכה אן תורה הייבט אן זיין מוח צו טראכטין עבירות. די זעקסטע איז ווס מיא הט דעם אנדערין פיינט אומזיסט מיא טאר קיין מענטשן ניט פיינט האבן אויסער דעם ווס גלויבט ניט אין בורא יתברך. די זיבטע איז די שלעכטע אויג. ווס מיא פארגינט ניט ווס יענער האט. דס זאגט שלמה המלך ווען ער וועט זיך ביי דיר בעטין זאלסטו אים ניט גלויבן. ווארום די זיבין מיאוסע געדאנקען איז בייא אים אין הארצין:

פרק ז שבעה דברים בגולם זיבן זאכן געפינט זיך אין איין גולם. אונ זיבן אין איין חכם. אחכם רעט ניט בעת עס שטייט לעבן אים אגרעסרער למדן אדר איין עלטערער. ער מישט זיך ניט אריין אז דער אנדערער רעט. ער איז ניט גאיילט צו ענטפערן ער פרעגט אשאלה ווי עס פאסט. אונ ענטפערט ווי דער דין איז אז מיא פרעגט ביי אים צוויי זאכין ענטפערט ער אויף די ערשטע זאך אונ נאך דעם אויף די

צווייטע

על האמת וחילופיהן בגולם. ת"ח צריך להיות צנוע באכילה
ובשתי' ברחיצה ובסיכה ובנעילת הסנדל בהליכתו ובעטיפתו
ובקולו וברוקו ובמעשים הטובים. מה כלה זו כל זמן שהיא
בבית אביה מצנעת עצמה. וכשהיא יוצאת מפרסמת עצמה.
ואומרת כל מי שיודע בעדות יבא ויעיד. כך ת"ח צריך שיהא
צנוע במעשיו ומפורסם בדרכיו. רודף אחר האמת ולא אחר
השקר אחר האמונה ולא אחר הגזל. אחר הענוה ולא אחר
הגסות. אחר השלום ולא אחר המלחמה. אחר עצת הזקנים
ולא אחר הילדים אחר הארי ולא אחר אשה. מכבד את

צווייטע. אויף ווס ער האט ניט גהערט שעמט ער זיך ניט אונ זאגט
איך ווייס ניט. ער איז מודה אויף איין אמת אונ אגולם טוט אלץ
פארקערט. איין תלמיד חכם דארף זיין מיט שטאט בעת עסן היינו
ניט שטאפן קיין גרויסע בסינס ניט עסן גייענדיג. אונ בעת ער טרינקט
איז ער ניט שכור. בעת ער וואשט זיך אין מרחץ אדר ער שמירט
זיך מיט בוימל אדר אז ער טוט אן די שיך. אדער גייענדיג אין גאס
גייט ער ניט מיט גאוה. טריט ביי טריט אונ ניט לייפענדג. ובעטיפתו
אויף זיין בגד געפינט זיך ניט קיין פלעקין. מיט זיין קול דרקענט מען
אים ער רעט ניט הויך אונ ניט מיט כעס. אונ מיט זיין שפייען ער
שפייט ניט אנטקעגן אמענטשן. אונ מיט זיינע גוטע מעשים דרקענט
מען אים. ער איז צו גלייכן גוט מה פונקט ווי א כלה האט זייער פיל
שטאט ביין פאטער אין הויז אונ אז זי גייט ארויס אין גאס איז ניטא
אויף איר ווס צו ריידן אזו איז איין תלמיד חכם. ער דארף זיין מיט
שטאט מיט זיינע מעשים אונ קענטיג מיט זיינע גוטע מדות. ער זאל זוכן
דעם אמת ניט שקר ער זוכט אמונה ניט גזל ווארום אז איין מענטש
האט א ריינע אמונה היט ער זיך פון פרעמדע געלט ווארום ער ווייס אז
השי"ת קען אים שפייזן. ער זוכט ענוה ניט גאוה. ער זוכט שלום
ניט מלחמה ומחלוקת. ער פרעגט איין עצה ביי עלטערע ווס ווייסן
פראקטיק פון דר וועלט אונ ניט ביי יונגע. עס איז אים בעסר צו
גיין

החכמים איזהו מכבד את חכמים מאכיל ומשקה מלביש ומנעיל מכנים ומוציא אחד הרב ואחד החכם. ואיזהו המבזה לא ישב ולא ידבר במקומו ולא סותר את דבריו. יפה שתיקה לחכמים קו לטיפשים וכן אמר שלמה גם אויל מחריש חכם יחשב ואין צריך לומר חכם מחריש:

פרק ח הוי רך כקנה שהרוח נושבת בו לכל רוח שתרצה שאין התורה מתקיימת אלא במי שרוחו נמוכה עליו למה נמשלה התורה למים לומר לך מה דרכו של מים אינם הולכים למקום גבוה אלא למקום נמוך כך אין התורה מתקיימת אלא במי שרוחו נמוכה עליו. הרחק מן

גיין נאך אלייב ווס ער איז אמזיק איידר נאך איין אשה ער זאל ניט טראכטן וועגן זנות. מכבד את החכמים ער האלט ערליך חכמים. ווי האלט ער זיי ערליך ער גיט זיי עסין אונ טרינקען. ער מאכט זיי איין בגד אונ איין שוך. ער פירט זיי אריין אין שטוב אונ ארויס. סיי דעם רבין סיי אחכם האטשע ניט זיין רבין. ווס רופט מען מבזה מיא טאר ניט זיצן אדר ריידן אויף זיין ארט. ווען דר רבי זאגט אדין טאר מען ניט אפשלאגן. עס איז גוט איין חכם אז ער שווייגט. פשיטא שוין איין נאר ווס קען זיך ניט איינהיטן בעת ער רעט זאל ער זיך ניט אויס ריידן אנארישקייט דארף ער דאך אוודאי שווייגן: אזו זאגט שלמה גם אויל מחריש חכם יחשב אנאר אז ער שווייגט רעכנט ער זיך אויך אחכם ופשיטא אחכם אז ער שווייגט איז דאך אוודאי גוט. ווארום ער איז זיך מיישב בעסער ווי צו ענטפערין זיינע קלוגע רייד:

פרק ח הוי זאלסט זיין ווייך ווי איין דינער שטעקיל ווס וואקסט ביין ים (טראסץ) ווס דער ווינט טרייבט אים אין אלע זייטין. אזו דארף זיך אמענטש לאזן בייגין אונ פאלגין עלטערע. ווארום די תורה האלט זיך ניט איין סיידין ביי אזו איין מענטשין וואס ער איז ביי זיך גיפאלן. ווארום די תורה איז גיגליכן ווי וואסר? אונ וואסר גייט דאך פון אהויכן ארט אין אנידעריגען ארט אזו גייט די תורה פון אפעל

גאוה

הכעור ומן הדומה לו . וקרוב לדבר המתקבל ולכל הדומה לו . והוי זהיר מהיועצך לפי דרכו . וכל המעביר על מידותיו מעבירין לו על כל פשעיו שנאמר נושא עון ועובר על פשע . למי עובר על פשע למי שנושא עון . כל המתנבל בדברי תורה סופו להתנשא בה שנאמר (משלי ל׳) אם נבלת בהתנשא אם נבלת בדברי תורה סופך להתנשא וכל המבקש דברי תורה מוסיפין לו חכמה על חכמתו . שנא׳ תן לחכם ויחכם עוד . כל זמן שאדם חוטא מורא הבריות עליו וכו׳

גאוה אוועק. זי געפינט זיך מער ניט בייא דעם מענטשן וואס האלט זיך נידעריג דערוויטער זיך פון אזאך וואס מיאוס איז. אונ וואס עס ווייזט אויס ניט שיין חאטשע מען מעג דס טאן. וויבאלד מענטשין וועלן האבן אין דיר אטעות דארפסטו זיך היטין. מאך זיך נאהענט צו איין זאך וואס עס איז שיין אויף דר וועלט. היינו צו חברות וואס מיא דינט דארטן דעם בורא יתברך. למשל ביקור חולים. סומך נופלים. גומלי חסד. אונ צו נאך אזעלכע זאכן. היט זיך פון אזו איין מענטשין וואס גיט דיר איין עצה ווי פר אים פאסט. טאמר מיינט ער ניט דיין טובה. דר וואס פר שוויגט אז מען איז אים מזלזל אונ ער לאזט איבערגיין זיינע. איז מען אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות. אזו שטייט געשריבן אין אונזער הייליגע תורה נושא עון ועובר על פשע ווען מען איז השי״ת מוחל ווער עס איז זיין חבר מוחל. אונ מאכט ניט קיין קריג. דר וואס שעמט זיך ניט צו לערנען די תורה פון איטליכן וועט ער ווערין גרויס אונ דערהויכט מיט דר תורה . שנאמר אם נבלת בהתנשא אויב דו האסט גיהאט בזיונות צוליב די תורה. האסט ביי אלעמען גיפרעגט וואס דו ווייסט ניט. וועט זיין דר סוף אז דו וועסט ווערין גרויס. וכל דער וואס זוכט די רייד פון דר תורה וועט מען אים מערין נאך חכמה אויף די חכמה וואס ער האט . שנאמר תן לחכם ויחכם עוד אזו שטייט געשריבן גיב דעם חכם וועט ער ווערן נאך מער חכם. ווען איין מענטש זינדיגט האט ער מורא פר אלע בריאים. אבער אז

ער

שאינו חוטא מוראו על הבריות וכל המזלזל דבר אחד
מדברי תורה חייב כרת שנאמר כי דבר ה' בזה כל המזלזל
בנטילת ידים נעקר מן העולם. וכל שאין לו בשת פנים
במהרה הוא חוטא שנאמר הכרת פניהם ענתה בם. וכל
שיש לו בושת פנים לא במהרה הוא חוטא שנאמר ובעבור
תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו. האוכל לפני האורח
מגונה. ומגונה ממנו אורח מכנים אורח מגונה ממנו אוכל
לפני תלמיד חכם. אורח מטריח בעל הבית מגונה משלשתם.
רבי מאיר אומר הנוטל מלפניו ונותן לבן הבעל הבית מעשה
הי' והרג בעה"ב את בנו. כל המשמש ת"ח מכוין את שמועתו

ער זינדיגט ניט האבן אלע מורא פר אים. דר וואס איז מזלזל איין
זאך פון די הייליגע תורה קומט אים כרת. אזו שטייט געשריבן כי דבר
ה' בזה ואת וגו' דר וואס איז מזלזל אין די מצוה פון נטילת ידים ער עסט
אן געוואשין. ער גייט אום אין דר פריא אן נעגיל וואסער. ווערט ער
אויס געריסין פון העולם הבא. מחמת ער שלעפט אויף זיך צרוף
ביסלאכוויים דעם רוח הטומאה. אונ די ברויט וואס ער עסט ווערט
טמא ווערט ביי אים טמא די כוחות פון דר נשמה. דר וואס האט ניט
קיין בושה איז ער גשווינט צו איין עבירה אזו שטייט הכרת פניהם ענתה
בם מיא קען זיי דרקענען אויף זייערע פנימר אז זיי זיינען רשעים. אבר
דער וואס האט יוא בושה וועט ער גיך ניט זינדיגען שנאמר ובעבור וכו'
השי"ת האט גיזאגט איך וויל איר זאלט האבין בושה וועט איר ניט
זינדיגן האוכל דר וואס עסט פארין אורח אין די אויגן אונ דר אורח עסט
ניט איז מיאוס ווארום דר אורח רעכנט אז דר בעל הבית האלט ניט
פון אים. נאך מיאוסר איז אז דר אורח בעט עסן נאך איין אורח. נאך
מיאוסר איז אז איינר עסט קעגין א תלמיד חכם. אונ איין אורח אז ער
איז מטריח דעם בעל הבית איז נאך מיאוסר פר די אלע דריי. רבי
מאיר זאגט אז איין אורח נעמט אונ גיט דעם בעה"ב זון פון זיין חלק.
מחמת דר פאטר קען אין כעס ווערן אויף זיין קינד. אמאל האט איבר

דעם

וכל שאינו מכוין את שמועתו חייב מיתה א"ר עקיבא כך היה תחילת תשמישי לפני חכמים פעם אחת הייתי מהלך בדרך ומצאתי מת מצוה ונטפלתי לו בארבעה מילין עד שהביאותיו למקום בית הקברות וקברתיו וכשבאתי והרצתי לפני ר"א ור"י אמרו לי כל פסיעה ופסיעה שפסעת מעלה עליך כאלו היית שופך דמים. אמרתי להם ומה בשעה שנתכונתי לזכות נתחייבתי לשמים. בשעה שלא נתכונתי על אחת כמה וכמה באותו שעה לא זזתי מלשמש לחכמים. הלל אומר נגד שמא אבד שמיה ודלא אשתמש ת"ח קטלא חייב ודלא מוסיף

דעם אפאטער גיהרגת זיין זון. דר וואס באדינט די חכמים וויים ריכטיג תורה. ווער עס האט אבער ניט ריכטיג איינגיהערט דעם דין און ער פסקנת נאכדעם ניט גוט קומט אים מיתה בידי שמים. ר' עקיבא זאגט אזו האב איך אמאל גהאט אטעות בעת אנהויב לערנען. איך בין גיגאנגען אין וועג האב איך גיפונען אמת מצוה. הב איך אים גיטראגן פיר תחומי שבת און האב אים גבראכט אויף איין בית הקברות און הב אים מקבר גוועזן. אז איך הב דערציילט די מעשה ר"א ור"י האבן זיי מיר גזאגט איטליכן טריט איז איין עבירה ווי דו וואלסט פארגיסן אומשולדגע בלוט. (ווארום דר דין איז אז מיא מוז אים מקבר זיין אויף זיין ארט. האב איך זיי גזאגט. מה דאך בעת איך האב גוואלט טאן אמצוה האב איך גטאן איין עבירה. בפרט שוין אז איך האב ניט גוואלט טאן אמצוה. פון יענעם מאל אן הב איך ניט אפ גיטראטן פון די חכמים און האב זיי בדינט כדי צוהערן פון זיי תורה. הלל אומר הלל זאגט דר מענטש וואס האלט זיך גרויס וועט זיין נאמן פארלארן ווערן פון דר וועלט. און ווער עס בדינט ניט קיין תלמיד חכם דם מיינט מען דער וואס וויל ניט וויסן ווי צוהאלטן די הייליגע תורה ומצות קומט אים ניט קיין לעבן. און דר מענטש וואס עס קומט אים ניט צו אלע טאג תורה מחמת ער לערנט ניט האט ער אהיזק אין דר נשמה. מחמת אמענטש שטייט ניט אויף איין ארט. ער ווערט

פסיד ודאשתמש בתגא אזיל ואביד. הנכנס למרחץ בתחילה מעביר הסרבל ואחר כך מעביר את המנעלים ואח כ מעביר את המכנסיים ואח"כ מפשיט את החלוק. הנכנס למרחץ נותן כבוד ליוצא והיוצא מבית הכסא נותן כבוד לנכנס: (ע"כ מן מחזור וויטרי)

פרק ט רבי אליעזר הקפר אומר התרחק מן התרעומות שאם תתרעם על אחרים תוסיף לחטוא הוי אוהב את המוכיחך כדי שתוסיף חכמה על חכמתך ושנא את המכבדך כדי שלא תתמעט מחכמתך. הוי אוהב את בית הכנסת כדי שתטול שכרך בכל יום. הוי אוהב את בית

ערגער אדר בעסר. אונ דר וואס וויל כבוד פון דר תורה ווערט ער פר לארן פון דר תורה ווארום אמענטש דארף לערנן לשם שמים. דר וואס גייט אריין אין מרחץ טוט ער אויס פריער דעם אויבר בגד נאכהער די שיך אדר שטיוועל. נאכהער די מכנסים נאכהער די העמדיל. דר וואס גייט אריין אין מרחץ זאל געבן כבוד דעם וואס גייט ארויס מחמת דר וואס גייט ארויס איז שלאף. אונ דר וואס גייט ארויס פון בית הכסא דארף געבן כבוד דעם וואס גייט אריין. מחמת דער וואס גייט אריין איז אין סכנה. אויב ער וועט ווארטן צו געבן אים כבוד. דארף דער ארויס גייער אים געבן כבוד:

פרק ט רבי אליעזר זאגט היט זיך אונ דער ווייטער זיך פון תרעומות ווארום אז דו וועסט פאריביל האבין אויף דיין חבר וועסטו פיל זינדיגן. פון פאריבל קומט קנאה. שנאה. מחלוקות. לה"ר. האב ליב דעם מענטשן וואס ווייזט דיר אויף אז דו פירסט זיך ניט גוט. כדי עס זאל דיר צוקומען נאך חכמה אויף די חכמה וואס דו האסט ושנא אונ האב פיינט דעם מענטשן וואס חאנפעט דיר אונ גיט דיר אפ כבוד. ער זאגט אז דו ביזט אלע מאל גירעכט. ער מיינט ניט דיין טובה. האב אים פיינט כדי עס זאל ניט פעלין דיין חכמה. האב ליב די שול ווארום דארטן וועסטו האבין שכר אלע טאג. מחמת

המדרש כדי שיבואו בניך לתלמיד תורה . הוי אוהב את העניים כדי שלא יבואו בניך לאותו מדה הוי אוהב את הענוה כדי שתמלא את שנותיך. הוי אוהב את החסידים כדי שתנצל ממלאך התשחורת. הוי זהיר בקריאת שמע ובתפלה כדי שתנצל מדינה של גיהנם . יהי ביתך פתוח לרוחה כדי שלא יחסרו מזונותיך . הוי זהיר בדלתי ביתך שלא יהיו נעולות בשעה שאתה מיסב באכילה ושתיה מפני שמביאין אותך לידי עניות. והוי זהיר באשתך שלא תהיה עקרה. והוי שמח ביסורין הבאים עליך מפני שמצילין אותך מדינה של גיהנם והוי שמח על שולחנך בשעה שהרעבים נהנים

אין שול ענטפערט מען אמן. יהא שמיה רבה. קדושה. האב ליב דעם בית המדרש כדי דיינע קינדער זאלן אויך גיהאדעוועט ווערן צו די היילינע תורה. האב ליב די ארימע לייט כדי דיינע קינדער זאלן ניט זיין ארים. האב ליב ענוה כדי זאלסט אויס לעבן דיינע יאהרין. האב ליב פרומע לייט וואס לערנען דיר צו גוטין כדי זאלסט ווערין גיבאטעוועט פון מלאך התשחורת דאס מיינט מען דער יצר הרע וואס רעט אן אמענטשן צוטאן שלעכטעס דעם חבר. היט זיך צו גיין דאווענען אין דער צייט אונ מיט כוונה. בעת דו לייענסט קריאת שמע ותפלה. זאלסטו וויסין וואס דו רעדסט . כדי זאלסט ווערן גיבאטעוועט פון גיהנם . זיי געהיט אז דיינע טירין פון שטוב זאל ניט זיין פארשלאסין בעת דו זעצט זיך עסין. דיין שטוב זאל זיין אפין פאר אלעמען די וואס גייען נעמען צדקה כדי עס זאל דיר ניט פעלן קיין ברויט כל זמן דו וועסט לעבן. אבער אז דו וועסט פארשליסין דיין טיר וועט פארשלאסין ווערין די טיר פון הצלחה אונ דו וועסט ווערין איין ארימאן. זיי גיהיט אז דיין ווייב זאל ניט זיין קיין עקרה (דאס מיינט מען זאלסט היטין די תורה אונ האבן רחמנות אויף אלע ברואים). פרייא זיך מיט די יסורים וואס עס קומט אויף דיר . ווארום עס באטעוועט דיר פון גיהנם. פריי זיך בשעת די הונגעריגע עסין ביי

ממנו כדי שתאריך ימים בעוה"ז ובעוה"ב. והוי שמח במתנה שנתת מתוך ביתך כדי שיכפה ממך אף שנאמר מתן בסתר יכפה אף ושוחד בחיק חמה עזה. אם מנעת עצמך מדבר מצוה מלאך המות יקדמך. אם פזרת רגליך על העני ועל המצוה נתקיים עליך ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך אם שמרת פיך מלשון הרע תהא כל ימיך בשלום ואם העזת פניך בפני מי שגדול ממך סופך אתה בא לידי בהרת. ואם מנעת עצמך מדבר מצוה ועוסק בדבר עבירה סוף מתה אשתך במגפה שנאמר ואתה בן

דיר אויפן טיש כדי דו זאלסט האבין לאנגע יאר אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. פריי זיך אז דו האסט געגעבן א מתנה פון דיין שטוב דעם ארימאן. כדי עס זאל געשטילט ווערין פון דיר דער כעס פון השי"ת ווארום אזוי שטייט געשריבין מתן בסתר יכפה אף אז מען שיקט אבין צדקה שטילערהייט איז דאך די מצוה אריינגע ווערט גיפרעסט דר כעס. אבער דר דין ווס נעמט שוחד ער ברייננט אויף דעם כעס שטארקר. האסטו זיך פאר מיטן פון צו טאן א מצוה וועט דר מלאך המות דיר צונעמען פאר דר צייט. ביזטו גיגאנגען קלייבין צדקה פר איין ארימאן אדער ביזט גיגאנגען צו איין אנדער מצוה איז אויף דיר מקוים דר פסוק ברוך אתה בבואך וברוך אתה בצאתך גיבענטש ביזטו קומענדיג. און גיבענטש ביזטו ארויס גייענדיג. האסטו גיהיט דיין מויל פון לשון הרע וועסטו זיין דיין גאנצין לעבין אין שלום. און אויב דו האסט מעיז פנים גיוועןן איין עלטערין און מער למדן פון דיר וועסטו געווייס האבין איין בהרת צום סוף. דאס הייסט א פלעק אויף דער נשמה ווס פון דעם פלעגט ווערין קענטיג אויף דעם גוף בזמן בית המקדש. אם אויב דו האסט זיך פארמיטין צו טאן א מצוה און צוליב דעם איז גיטאן גיווארין איין עבירה סיי דורך דיר סיי דורך אנאנדערין. ווי באלד דאס איז צו ליב דיר וועט דיין ווייב שטארבין פון איין מגפה אזו שטייט געשריבן

אדם הנני לוקח ממך את מחמד עיניך במגפה. אם רצת לכבוד חכם יהי' לך בנים ובנות מתוקנים. ואם רצת לכבוד עני יהי' לך בנים בעלי תורה ומקיימי מצות בישראל. אם ראית חכם שמת אל תחזור מעליו עד שתוליכהו לקבר כדי שבמיתתך תבוא ותנוח בקבר על משכבך. ואם ראית פני חבירך שנתדלדל ומטה ידו אל תחזירהו ריקם כדי שתנצל מכל רע שנאמר שומר מצוה לא ידע דבר רע. אם הלוית לו מאומה בשעת דחקו יתקיים עליך אז תקרא וה' יענה וגו' אם השפלת עצמך הקב"ה מגביהך. ואם גדלת עצמך בפני חבירך הקב"ה ישפילך. ואם יריב עמך בין בישיבה בין במסבה עשה עמהם שלום כדי שבחזירתך יספרו

ואתה בן אדם הנני לוקח וגו'. ביזטו גילאפין געבין כבוד אחכם וועסטו האבין זיהן אונ טעכטער וואס אלע וועלין זיין פון זייערע גוטע מעשים צופרידין. ביזטו גילאפין לכבוד איין ארימאן וועסטו האבן זיהן וואס וועלין לערנען תורה אונ טאן מצות ביי אידין אם האסטו גיזעהן איין חכם ווס ער איז גישטארבן טרעט ניט אפ פון אים ביז וואנען דו וועסט אים ברייננען צו דער קבורה. כדי אז דו וועסט שטארבין וועסטו רוען בשלום אין קבר. האסטו גיזעהען דיין חבר איז גיווארין איין ארימאן ער האט ניט מיט וואס צו האנדלען לאז אים ניט אוועק מיט ליידיגין ווארום דו קענסט אים איצט מציל זיין פון ארימקייט דערפאר וועסטו ניצול ווערין פון אלע שלעכטס אזו שטייט גישריבין שומר מצוה לא ידע דבר רע דער וואס היט א מצוה וועט ניט וויסין פון שלעכטס. האסטו גיליען אים בעת עס איז אים אייגנ גיוועזן וועט מקוים ווערין אויף דיר די ברכה פון פסוק אז תקרא וה' יענה אז דו וועסט שרייען וועט דיר השי"ת ענטפערין. האסטו זיך גימאכט נידעריג וועט דיר השי"ת מאכין הויך. האסטו גיוו זין גאוה קעגין דיין חבר וועט דיר חשי"ת מאכין נידעריג. אויב מיא וועט מיט דיר קריגין סיי אין דער ישיבה סיי אין אמסיבה מאך

מיט

בשלומך כשלום פנחס בן אלעזר וכן הי׳ ר׳ אליעזר הקפר אומר אהוב את השלום ושנא את המחלוקת. גדול השלום שאפילו עובדים ע״ז ויש שלום ביניהם כביכול אין השכינה יכולה לנגוע בהם שנאמר חבור עצבים אפרים הנח לו. ואם יש ביניהם מחלוקת מה נאמר בהם חלק לבם עתה יאשמו. בית שיש בו מחלוקת סופו ליחרב. בית הכנסת (שיש בו מחלוקת) סופה להיות בית חמ״ים. שני ת״ח הדרים בעיר אחת וכן שני בתי דינים וביניהם מחלוקת סופו למות אבא שאול אומר מחלוקת בתי דינין חורבן העולם. אבא איסי בן יוחנן משום שמואל הקטן אומר העוה״ז דומה לגלגל עינו של אדם לבן שבו זה אוקיינוס שמקיף את כל העולם שחור שבו זה העולם קומט שבשחור זה ירושלים פרצוף

מיט זיי שלום כדי אז נאכדעם זאל מען אויף דיר ריידן שלום ווי אויף פנחס בן אלעזר. ווס אלע זיינן אים גוואורן גוטע פריינד. אזו פלעגט ר׳ אלעזר הקפר זאגן האב ליב שלום. האב פיינט מחלוקת אפילו אז מען דינט ע״ז נאר אז עס איז ביי זייא שלום. וויל זיי השי״ת ניט שטראפן אזו שטייט אין פסוק חבור עצבים אפרים הנח לו חאטש אפרים דינט ע״ז. וויבאלד אז עס איז נאר ביי זיי שלום לאז זיי רוען. אבער אז עס איז ביי זיי געווארן מחלוקות שטייט געשריבן חלק לבם עתה יאשמו ווי באלד די הערצער זיינן ביי זיי פארנאנדער געטיילט. וועלן זיי יעצט ווערן פארווסט. אשטוב ווס דארטין געפינט זיך מחלוקות וועט זיא ווערן חרוב. אשול ווס דארטן איז מחלוקת וועט זי ווערן איין בית עבודה זרה. צוויי לומדים וואס זיינן אין איין שטאט אונ ביי זיי איז מחלוקת וועלן זיי ביידע שטארבן. אבא שאול זאגט אמחלוקת ביי בי״ד מאכט אן אחורבן אין דר גאנצר וועלט. אבא איסי זאגט די וועלט איז גלייך צו די אויג פון מענטשן. די ווייסע איז גלייך צום ים אוקינוס ווס ער איז קיילעכדיג ארום די וועלט. די קליינע פינטעלע איז אמשל צו ירושלים. די צורה ווס זעהט זיך אין פינטעלע איז אמשל צום בית

המקדש

שבקומט זה בית המקדש שיבנה במהרה בימינו ובימי כל ישראל:

פרק י רבי שמעון בן יוחאי אומר שבוע שבן דוד בא שנה ראשונה מתקיימת והמטרתי על עיר אחת ועל עיר אחת לא אמטיר שניה חצי רעב משתלחין שלישית רעב גדול ומתים בו אנשים ונשים וטף וחסידים ואנשי מעשה מתמעטים ותורה משתכחת מלומדיה. רביעית שובע ואינה שובע חמישית שובע גדול אוכלים ושותים ושמחים ותורה

המקדש ער זאל גיבויט ווערן אין אונזערע צייטין. זעהען מיר אז די וועלט איז גלייך ווי איין אויג. אזו דארף איטליכער מענטש האלטין טייער דעם אנדערן ווי איין אויג פון קאפ. אונ ער זאל זעהן צוטאן זיין חבר גוטעס. איז ווערט גיבראכט אין היילגע ספרים אז אלץ וואס א מענטש טוט סיי עבירות. סיי מצות. ווערט אנגישריבין אויף די אויג פון מענטשן. אזו גיפינן מיר אז איינער האט גיהרגת א מענטשן. אונ מען וויל וויסין ווער. קענען חכמים דער גיין מיט די חכמה פון פאטאגראפיע. נעמט זיך אראפ א פאטרעט פון דעם טויטינס אויג. וויים מען שוין ווער עס איז דער רוצח. דעריבער דארף א מענטש וויסין אז אלע זיינע מעשים ווערין אנגישריבין אויף זיינע אויגן. אונ אויף זיינע ביינער. סיי שלעכטע סיי גוטע:

פרק י רבי שמעון בן יוחאי זאגט די שמיטה וואס בן דוד וועט קומען דר ערשטער יאר וועט מקוים ווערן והמטרתי אויף איין שטאט וועל איך געבן רעגין. אונ אויף איינע ניט. דעם אנדרין יאר וועט זיך ווייזין הונגר אויף דר וועלט. דר דריטער יאר וועט זיין גרויס הונגער. עס וועלין אויס שטארבן מאנסלייט ווייבר אונ קליינע קינדר אונ פרומע לייט. אונ די וואס טוען גוטס אויף דר וועלט וועלן ווייניג ווערן. אונ די תורה וועט פרגעסין ווערן פון אירע לומדים. דר פערטר יאר וועט זיין זאטקייט (זול) אבער ניט אין גאנצן. דר פינפטר יאר גרויס זאטקייט. מען וועט עסין אונ טרינקען. אונ די תורה וועט זיך

גיפינען

חוזרת על לומדיה. בששי קולות. בשביעית מלחמות. במוצאי שביעית בן דוד בא. רבן גמליאל אומר דור שבן דוד בא בית הועד יהיה לזנות. הגליל יחרב. ואנשי הגליל יסובבו מעיר לעיר ולא יחוננו והכמת סופרים תסרח ויראי חטא ימאסו פני הדור כפני הכלב והאמת נעדרת וסר מרע משתולל. ר׳ נהוראי אומר דור שבן דוד בא נערים ילבינו פני זקנים וזקנים יעמדו לפני נערים בת קמה באמה כלה בחמותה ואין הבן מתבייש מאביו. ר׳ נחמיה אומר דור שבן דוד בא עזות תרבה והיוקר יעוות והגפן תתן פריה והיין ביוקר והמלכות תהפך למינות ואין תוכחה. א״ר יוסי טבא תרי מתלת וי לחדא דאזלא

גיפינן ביי אירע לערנר. דעם זעקסטין יאר וועט זיך הערן קולות. דעם זיבעטין יאר מלחמות. נאכדעם זיבעטין יאר וועט קומען משיח. רבן גמליאל זאגט אין דעם דור וואס בן דוד וועט קומען. וועט דר בית הועד ווערין איין ארט פון זנות. דר גליל וועט חרוב ווערין. די מענטשן פון גליל וועלן נאנדרעווען פון איין שטאט אין דר אנדרע. אונ מען וועט אויף זיי קיין רחמנות ניט האבן. די תורה פון לומדים וועט ניט האבן קיין ווערדע. די מענטשן וואס האבן מורא פר איין עבירה וועלן מיאוס ווערין אין דער וועלט. די שענסטע פון דור וועלין האבין אצורה ווי א הונט (מחמת עזות) אמת וועט פעלן. דער וואס קערט זיך אפ פון שלעכטס וועט מען אים האלטין פר איין משוגעם. ר׳ נהוראי זאגט דור שבן דוד בא יונגע וועלן מבייש זיין אלטע. אלטע וועלן זיך שטעלן פר יונגע. א טאכטער וועט זיך שטעלן ריידן קעגן איר מוטר. א שנור קעגן איר שוויגר. דר זון וועט זיך ניט שעמן פאר׳ן פאטר. ר׳ נחמיה זאגט דר דור וואס בן דוד וועט קומען וועט זיך מערין עזות אויף דר וועלט. דר ויינגארטן וועט געבן פרוכט. אבר וויין וועט זיין טייער. עס וועט זיך געפינן מענטשן מינים. עס וועט ניט זיין ווער עס זאל ווייזין א גוטע וועג. רבי יוסי זאגט בעסער אין דער יוגנט אז מען גייט אויף איין פוס. איידער אויף דער עלטער אויף דריי. דס מיינט מען צוויי פיס מיט

ולא אתיא. הוא היה אומר הגרע והבורסקי והבנאי אין מעמידין מהם פרנס על הציבור ואין מעמידין מהם אפוטרופוס הוא היה אומר יושבי כפרים ויושבי מדבריות חייהם אינם חיים וממונם אינם שלהם ובניהם אינם שלהם ארבע פרוטות אין בהם סימן ברכה ואלו הן שכר כותבין שכר מתורגמן ושכר הבא ממדינת הים והנושא אשה לשם כתובה שאין מורישין לבניהם ולבני בניהם יש נושא אשה לשם זנות יש נושא אשה לשם ממון ויש נושא אשה לשם גדולה ויש נושא אשה לשם שמים. הנושא אשה לשם זנות עליו הכתוב אומר בה בגדו כי בנים זרים ילדו והנושא (אשה) לשם ממון עליו הכתוב אומר שם יאכל חדש את חלקיהם. חדש נכנס וחדש

אשטעקין. (דס איז אמליצה בעסר צוהאפין טאן מצות אין די יונגע יארין איידר ווארטן אויף די עלטערע יארין ווס מען וועט דענצמאלט זיין ליידיג) ווייל אויף די יונגעיארן ווס מען קען זיי ניט האבן. ער פלעגט זאגן. איין צירולניק. איין גארבר. איין בעדר. מאכט מען זיי ניט פר קיין פירער איבר די שטאט. אונ ניט קיין אפוטרופוס אויף יתומים. ער פלעגט זאגן יושבי כפרים די ווס זיצין אין דארף אליין אדר אין מדבריות זייגן זיי ניט זיכר מיטן לעבן אונ מיט די געלט. אין פיר ערליי געלטין איז ניטא קיין ברכה. דר שכר פון שרייבר ספרי תורות. דער שכר פון מתורגמין. אונ די געלט ווס ווערט געבראכט פון די ווייטע מדינות הים. אונ די געלט ווס א מענטש נעמט נדן. אויבע ער מיינט מער ניט פון די געלט וועגן ניט פון מצוה וועגן. די געלט בלייבט ניט בירושה פר זיינע קינדר. איינער נעמט א ווייב וועגן זנות. איינער וועגן געלט. איינער וועגן גדולה. איינר לשם שמים. דר ווס נעמט וועגן זנות אויף אים שרייבט דר פסוק בה׳ בגדו זיי האבן גיפעלשט אן השי״ת ווערין זיי האבן קינדר אויך אזעלכע מיט אשלעכטען חאראקטער. דר ווס נעמט א ווייב פון געלט וועגין אויף אים שטייט אין פסוק יאכל חדש את חלקיהם אין עטליכע חדשים ארום ווערט ניט פון די געלט. דר ווס נעמט

ווען

יוצא וממונם אבד. והנושא אשה לשם גדולה לסוף שמורידין
אותו מגדולתו. והנושא אשה לשם שמים סוף שיוצאין ממנו
בנים שמושיעין את ישראל. הדר אלהים בני אדם. הדר בני
אדם תורה. הדר תורה חכמה. הדר זקנה שיבה. הדר בחורים
יראת חטא. הדר עם הארץ מארה. קרא ולא שנה הרי זה בור.
שנה ולא קרא עם הארץ. קרא ושנה ולא פירש חכם. שנה
וקרא ופירש נבון. לא קרא ולא שנה נוח לו שלא נברא. חכמת

ווענן גדולה מאכט מען אים אראפ נידערן פון זיין גדולה. אבער דער
וואס נעמט לשם שמים וועט ער האבן קינדער וואס זיי וועלין העלפן
יודען מיט זייער תורה. די שיינהייט פר השי"ת איז די מענטשן פון דער
וועלט. די שיינהייט פון מענטשן איז די תורה. די שיינהייט פון תורה
איז חכמה. די שיינהייט פון זקנים איז גרייז גראקייט. די שיינהייט
פון יונגע לייט איז אז זיי האבן מורא פר איין עבירה. די שיינהייט
פון איין עם הארץ איז איין מארה ווארום אז ער ווערט געשטראפט זעט
ער זיך ארום אז עס איז דא אפירער אויף דער וועלט. דער וואס האט
געלערנט תנ"ך אבער אן משניות איז ער איין בור. דער ווס האט געלערנט
משניות אונ ער האט ניט געלערינט תנ"ך ווערט ער אנגירופין עם
הארץ. ער ווייס זיך שוין ווי צופירען אויף דער וועלט. דער ווס האט
געלערינט תנ"ך ומשניות. ולא פירש ער האט דערגאנגען מיטין שכל
נאך חכמה איז ער איין חכם. אבער אז ער האט שוין געלערנט מקרא
ומשנה אונ הט דערגאנגען מיטין שכל איז ער א נבון. דער ווס הט גאר
ניט געלערנט ניט מקרא ניט משנה. איז גלייכער פר אים אז ער וואלט
גאר ניט באשאפין ווערין. ווארום א מענטש איז מער ניט באשאפין
געווארן ער זאל דערגיין די גרויסקייט פון השי"ת מיט זיין הייליגע תורה.
דער מענטש ווס האט חכמה אבער ניט קיין יראת שמים איז די חכמה
אויך מיאוס. דער ווס האט יראת שמים אבער אן חכמה איז די יראת
שמים איין ארימע יראה. ווארום ער ווייס ניט ווי מורא צו האבן פר
השי"ת. ניט קיין חכמה אונ ניט קיין יראת שמים איז ער א רשע גמור

ווארום

ואין יראה בזויה יראה ואין חכמה עניה. אין חכמה ואין יראה רשע גמור. חכמה ויראה צדיק גמור:

אמר ריב"ל גדול הוא השלום שהשלום לארץ כשאור לעיסה אלמלא שנתן הקב"ה שלום בארץ היתה החרב והחיה משכלת את הארץ מנין שנאמר ונתתי שלום בארץ. והשבתי חיה רעה מן הארץ וחרב לא תעבור בארציכם. ואין ארץ אלא ישראל שנאמר ואשרו אתכם כל הגוים כי תהיו אתם ארץ חפץ וגו׳. דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת אמר שלמה אע"פ שדור הולך ודור בא גזירה הולכת גזירה באה ומתחדשת הארץ לעולם עומדת לא עזבן ולא מעזבן לא כלן ולא מכלן שנאמר כי אני ה׳ לא שניתי ואתם בני יעקב לא כליתם כשם שאני לא שניתי ולא אני עתיד להשנות כך אתם בני יעקב לא כליתם ולא עתידים אתם לכלות אלא ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כולכם היום. תמן תנינן רבן שמעון בן גמליאל אומר על שלשה דברים העולם קיים

וואררום ער הט ניט ווס עס זאל אים אפהאלטן פון איין עולה, אבער דער וואס האט חכמה אונ יראת שמים איז ער איין צדיק גמור:

ר"י בן לוי הט גיזאגט שלום איז זייער אגרויסע זאך. די וועלט דארף שלום. ווי אזוי הייזט. ווען השי"ת וואלט ניט געבן זיין שלום אויף דר וועלט וואלט שוין פון דר וועלט ניט גווארן איבר די מלחמות אונ איבר די חיות אזו שטייט גישריבן אין פסוק ונתתי שלום בארץ וכו׳ אידן ווערן אנגרופן ארץ. אזו שטייט כי תהיו אתם ארץ חפץ. דור הולך ודור בא כו׳ שלמה המלך זאגט חאטשע עס האט זיך גמאכט אויף אייך אלע גזירות אידין בלייבן אידין זאגט השי"ת איך האב אייך ניט אוועק גווארפן אונ איך וועל אייך ניט אוועק ווארפן. ווי איך בין אייביג אזו וועט איר אויך זיין אייביג אזו שטייט גשריבן אין דר הייליגע תורה ואתם הדבקים בה׳ אלהיכם חיים כולכם היום איר צדיקים ווס איר בהעפט זיך אן די מדות פון השי"ת וועט איר לעבן אייביג ווי איר לעבט היינטיגן טאג.

ווֹאס

על הדין ועל האמת ועל השלום א״ר מונא ושלשתם דבר אחד
הם נעשה הדין נעשה האמת נעשה השלום ושלשתם בפסוק
א׳ נאמרו שנא׳ אמת ומשפט שלום שפטו בשעריכם כל מקום
שיש משפט יש שלום א״ר יהושע גדול הוא השלום שבשעה
שעמדו ישראל ואמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע שמח
בהם הקב״ה ונתן להם תורתו וברכם בשלום שנאמר ה׳ עוז
לעמו יתן וגו׳. אמר חזקיה גדול הוא השלום שכל מצות
שבתורה כתוב בהן כי תראה כי תפגע כי יקרא כי תבנה
כשבאה המצוה לידך אתה זקוק לעשות אבל השלום מה
כתיב בקש שלום ורדפהו בקשהו ממקומך ורדפהו במקום
אחר. גדול הוא השלום שבכל המסעות כתיב ויסעו ויחנו
נוסעים במחלוקת וחונים במחלוקת בזמן שבאו לסיני חנו חני׳

וואס איז די מידות פון השי״ת רחמניות. גמילות חסדים. שלום. רשב״ג זאגט אויף דריי זאכן האלט זיך אויף די וועלט. אויף דין. אמת. שלום. זאגט ר׳ מונא עס איז אלע דריי איין זאך. איז געווארן אדין איז דא אמת ושלום. די אלע דריי שטייען אין איין פסוק אמת ומשפט שלום. שפטו בשעריכם. ר׳ יהושע זאגט זעט ווי גרויס איז שלום. בעת אידין האבן זיך צוזאמען גיקליבן ביים בארג סיני אונ האבן גזאגט נעשה ונשמע האט זיך השי״ת מיט זיי גפרייט אונ הט זיי גבענשט מיט שלום אזו שטייט אין פסוק ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום חזקיהו זאגט שלום איז גרעסר פון אלע מצות ביי אלע מצות שבין אדם לחבירו שטייט כי תפגע אז עס מאכט זיך א מצוה צו דר האנט ביזטו מחויב צוטאן. אבר זוכן ביזטו ניט מחויב. אבר שלום מוזטו זוכן בקש שלום ורדפהו זוך שלום אונ יאג אים נאך. זוך ביי זיך אונ אפילו עס קומט דיר אן שווער צו מאכן אשלום דארפסטו הארעווען מיט אלע מיטלען אפילו אנדערם וואו נאר מקיים זיין די מצוה פון שלום. שלום איז זייער גרויס. ווארום אין פסוק ערטר איז געווען ביי אידן אין דר מדבר מחלוקות. אבר ביים בארג סיני איז געווארן איין ריכטיגער שלום פונקט ווי איין מענטש

האבין

אחת שנא ויחן שם ישראל נגד ההר אמר הקב״ה הואיל ושנא ישראל את המחלוקת ואהבו את השלום ונעשו חני׳ אחת הרי השעה שאתן להם תורתי. אדוניהו לא נהרג אלא בשביל שהי׳ בעל מחלוקת ומותר לומר לה״ר על בעל מחלוקת שכן נתן הנביא אמר לבת שבע ואני אבוא אחריך ומלאתי את דבריך. וא״ר כל השקרים אסורים ומותר לשקר בשביל להטיל שלום בין אדם לחבירו. אמר בר קפרא גדול השלום שכן מצינו שדברה תורה לשון בדאי כדי להטיל שלום בין אברהם לשרה שנאמר ותצחק שרה בקרבה לאמר וגו׳ ואדוני זקן ולבסוף כתיב ואני זקנתי. אמר בר קפרא גדול השלום שכן מצינו שדברו כתובים לשון בדאי כדי להטיל שלום בין מנוח לאשתו דמעיקרא כתיב הנה את עקרה וגו׳ כי הנך הרה והיא אמרה הנך הרה ולא אמרה את עקרה. אמר בר קפרא גדול הוא

האבן זיך אלע צוזאמען גקליבן מיט איין הארץ מקבל זיין די תורה האט השי״ת גזאגט ווי איצט האבן אידן פיינט מחלוקת אונ זיי האבן ליב שלום אונ עס איז געווארן די אלע הערצער ווי איין גוטע הארץ מיט גרויס ליבשאפט. איז יעצט די הייליגע צייט צו געבן מיין תורה. אדוניהו איז אויך ניט גיהרגת געווארן מער ניט איבר דעם וואס ער האט געמאכט מחלוקת. מיא מעג זאגן לשון הרע אויף די וואס מאכן מחלוקת אז מיא זאל צו זיי ניט צושטיין אזו האט גיטאן נתן הנביא. רבי זאגט אלע שקרים איז אסור אבר צוליב שלום מעג מען זאגן אפילו שקר. בר קפרא זאגט מיר זעהן ווי גרויס שלום איז אז מיר גיפינן אין דר תורה א לשון פון אליגן נאר צוליב שלום היינו בין אברהם לשרה שטייט גשריבן ותצחק שרה בקרבה לאמר ואדוני זקן שרה האט גזאגט ווי קען איך האבן קינדער מיין האר דס מיין מאן איז שוין אלט אונ נאכהער שטייט ואני זקנתי השי״ת האט ניט געוואלט זאגן אברהמ׳ן אז שרה האט גזאגט אויף אים אז ער איז אלט. האט ער גזאגט אז שרה האט גזאגט ואני זקנתי איך בין אלט. דס גלייכן געפינן מיר ביי מנוח אויך אזו. בר קפרא זאגט מה

השלום שהמלאכים אין ביניהם לא איבה ולא קנאה ולא שנאה ולא מצות ולא תחרות ולא מחלוקת והקב"ה עשה עמהם שלום מנין שנאמר המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו המשל זה מיכאל ופחד זה גבריאל מהן מן אש ומהן מן מים לא זה מזיק את זה ולא זה מזיק את זה בני אדם שיש ביניהם כל המדות האלו על אחת כמה וכמה א"ר ישמעאל גדול הוא השלום שויתר הקב"ה על שמו שנכתב בקדושה שימחה על המים כדי להטיל שלום בין איש לאשתו. א"ר יהושע גדול הוא השלום שברית כהנים כרותה בשלום שנאמר הנני נותן לו את בריתי שלום. א"ר יהושע גדול הוא השלום ששמו של הקב"ה נקרא שלום שנאמר ויקרא לו ה' שלום. אר"ח בר אבא מכאן שאסור לשאול בשלום חבירו במקום המטונף מה טעם ויבן שם גדעון מזבח ויקרא לו ה' שלום מה מזבח שאינו

דאך די מלאכים וואס ביי זיי געפינט זיך ניט קיין קנאה. שנאה. קריג. פון דעסטוועגין מאכט השי"ת שלום צווישן זיי. אזו שטייט געשריבין המשל ופחד עמו עושה שלום במרומיו מיכאל אונ גבריאל זיינען צוויי מלאכים אייגערליי מלאכים זיינען פייער. אונ אייגערליי וואסער פון דעסטוועגן מאכט השי"ת שלום. אז זיי זאלן שטימען אייגר מיט דעם אנדערן. אפשיטא מענטשין וואס זיי האבן אייצר הרע קריג שנאה קנאת דארפין זיי בוודאי האבן מענטשן ווער עס זאל ביי זיי מאכין שלום. ר' ישמעאל זאגט גרויס איז שלום. אז השי"ת הט מוחל גיוועז אויף זיין ליבין נאמן אונ הט גיהייסין אפמעקין אין וואסר פון די מי סוטה כדי צו מאכן שלום צווישן מאן אונ ווייב ר' יהושע זאגט גרויס איז שלום אז די זיכערהייט פון די כהנים איז מיט שלום אזו שטייט הנני נותן לו את בריתי שלום אין דעם נאמן פון השי"ת רופט מען אויך שלום אזו שטייט ויקרא לו ה' שלום זאגט ר' חנינא ב"א וויבאלד דעם נאמן פון השי"ת רופט מען שלום טאר מען ניט געבן קיין שלום אין בית המרחץ אדר נאר וואו ניט ריין איז ניט צו דערמאנען זיין ליבין נאמן אין ניט קיין ריינעם

ארט

לא אוכל ולא שותה ולא מריח ולא נבנה אלא לכפרתן של ישראל נקרא שלום מי שהוא אוהב שלום ורודף שלום ומקדים שלום ומשיב שלום ומטיל שלום בין ישראל לאביהם שבשמים על אחת כמה וכמה ר׳ יוסי הגלילי אומר אף שמו של משיח נקרא שלום שנא׳ אבי עד שר שלום. א״ר יהושע גדול הוא השלום שישראל נקראים שלום שנאמר כי זרע השלום הגפן תתן פריה למי הגפן תתן פריו לזרע השלום. ריה״ג אומר גדול הוא השלום שבשעה שמלך המשיח נגלה על ישראל אין פותח אלא בשלום שנא׳ מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום. ריה״ג אומר גדול הוא השלום שאפילו בשעת מלחמה אינו פותח אלא בשלום שנאמר כי תקרב אל עיר להלחם עליה וקראת אליה לשלום. א״ר יהושע גדול הוא השלום שעתיד הקב״ה לסמוך לצדיקים בשלום שנא׳ יצר סמוך תצור שלום. א״ר יהושע גדול הוא השלום שהיא נתונה לחיים ולמתים מנין ויאמר יתרו למשה לך לשלו׳. למתים מנין ואתה תבא אל אבותיך בשלום. ר׳ שמעון בן גמליאל אומר גדול הוא השלום שמצינו שדיברו השבטים

ארט דאס גלייכן שטייט געשריבן ויבן שם גדעון מזבח ויקראו לו ה׳ שלום מזה דאך דער מזבח עסט ניט אונ טרינקט ניט אונ שמעקט ניט, ער איז מער ניט געבויט געווארן פון וועגן די כפרה פון ישראל רופט מען אים שלום. היינט דער מענטש וואס האט ליב שלום אונ זוכט שלום אונ גיט איטליכן שלום אונ ענטפערט שלום אונ מאכט שלום צווישן אידן מיט השי״ת איז ער בוודאי זייער טייער ביי השי״ת ר׳ יוסי הגלילי זאגט משיח׳ס נאמן רופט מען אויך שלום. ר׳ יהושע האט געזאגט שלום איז גרוים אז השי״ת וועט די צדיקים אונטער האלטן מיט שלום אזו שטייט געשריבן יצר סמוך תצור שלום שלום איז גרויס אז מיא גיט אים פאר די לעבעדיגע אונ מתים אלע דארפן שלום. אזו שטייט ויאמר יתרו למשה לך לשלום. למתים ואתה תבא אל אבותיך בשלום ר׳ שב״ג זאגט שלום איז גרוים אז די שבטים האבן אויך גירעט

דברי בדאות כדי להטיל שלום בין יוסף לאחיו שנא' ויצו אל יוסף לאמר אביך צוה וגו' אין אנחנו מוצאים שציוה לו כלום. רשב"ג א"מר גדול ה"א השלום שהרי אהרן הכהן לא נשתבח אלא בשביל השלום שהיה אוהב שלום ורודף שלום ומקדים שלום ומשיב שלום שנא' בשלום ובמישור הלך אתי מלמד כשהיה רואה שני בני אדם שונאין זה את זה הלך אצל אחד מהן ואמר לו למה שנא אתה את פלוני כבר בא אלי לביתו ונשתטח לפני ואמר לי חטאתי לפלוני לך ופיים עליו ומניח לזה והלך אצל השני וא"מר לו כראשון והי משים שלום ואהבה וריעות בין אדם לחבירו מה כתיב אחריו כי מלאך ה' צבאות ה"א. אמר ר"י הנביא נקרא מלאך שנא' ויאמר חגי מלאך ה' והכהן נקרא מלאך שנא' כי מלאך ה' צבאות ה"א יכול אפילו כהן עם הארץ ת"ל ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך

גירעט אליגן נאר צומאכן שלום צווישן יוסיפן מיט זיינע ברידר אז שטייט ויצו אל יוסף לאמר אביך צוה דיין פאטער האט גהייסן מוחל זיין אונ מיר געפינן גאר ניט אז ער האט דס פרזאגט רשב"ג זאגט שלום איז גרויס אז אהרן הכהן איז ברימט גווארן נאר מיט שלום ער האט זייער ליב גהאט שלום אונ האט גזוכט ווי צומאכן שלום אזו שטייט בשלום ובמישור הלך אתי אזו פלעגט אהרן טאן אז ער פלעגט זעהן אז צוויי מענטשין זיינן זיך שונאים פלעגט ער אוועקגיין צו איינעם פרעגן אים ווארום ביזטו יענעם אשונא. ער איז גקומן צו מיר וויינענדיג אונ ער שלאגט זיך חטאתי. איך האב אנטקעגן מיין חבר גזינדיגט גייט בעט אים איבר פון מיינטוועגן. נאכהער פלעגט ער אוועק פון דעם אונ זאגן אזו דעם צווייטן ביז וואנען זיי פלעגן ווערן גוטע פריינד מיט גרויס ליבשאפט דרום שטייט כי מלאך ה' צבאות הוא. רבי יהודה האט גיזאגט דר נביא ווערט אנגירופן מלאך אזו שטייט ויאמר חגי מלאך ה' אונ דער כהן רופט זיך אויך מלאך אזו שטייט כי מלאך ה' צבאות הוא דווקא אכהן אתלמיד חכם אזו שטייט גשריבן ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' צבאות הוא אכהן ווא־

ה׳ צבאות הוא. ר׳ יהושע דסכנין בשם ר׳ לוי אומר גדול
היא השלום שכל הברכות והתפלות חותמין בשלום ברכות
ק״ש חותמין בשלום. ופרוס סכת שלומך התפלות חותמת
בשלום עושה השלום ברכת כהנים חותמין בשלום וישם
לך שלום:

אמר ריב״ל אמר להם הקב״ה לישראל אתם גרמתם
להחריב את ביתי ולהגלות את בניי היה שואלים
בשלומה ואתן לכם שלום מה טעם שאלו שלום ירושלים
ואומר יהי שלום ואומר למען אחי ורעי וגו׳ ומי שהוא אוהב
שלום ורודף שלום ומקדים שלום ומשיב שלום הקב״ה
מורישו חיי העולם הזה ועולם הבא שנאמר וענוים יירשו
ארץ והתענגו על רוב שלום:

ער קען לערנען מיט לייטין תורה איז ער אמלאך ר׳ יהושע זאגט בשם
ר׳ לוי ווי גרויס איז שלום אז אלע ברכות ותפלות קאנצעגען זיך מיט
שלום ברכות ק״ש קאנצעט זיך מיט ופרוס עלינו סוכת שלומך. שמו״ע קאנצעט
זיך מיט שלום עושה השלום אז די כהנים בענטשין אידין קאנצעגען זיי
וישם לך שלום. ר״י בן לוי זאגט השי״ת האט אזו גזאגט די אידן. קינדערלאך
איר האט אנגימאכט מיט אייערע זינד אז איך האב גימוזט חרוב
מאכן מיין בית המקדש. אונ איך האב פארטריבין מיינע קינדער.
פרעגט נאך אויף דעם שלום פון ירושלים וועל איך אייך אויך געבין
שלום אזו שטייט שאלו שלום ירושלים ווידער שטייט יהי שלום בחילך ווידער
שטייט גישריבן למען אחי ורעי וכו׳. ומי אונ ווער עם האט האלט שלום
אונ זוכט שלום אונ גיט איטליכן שלום אונ ענטפערט שלום וועט אים
השי״ת מאכן ארבין שלום אויף אייביג. אונ וועט אים געבין דעם
לעבין פון די וועלט אונ יענע וועלט. אזו שטייט גישריבין וענוים ירשו
ארץ והתענגו על רוב שלום די פרומע מענטשן וועלן האבן ביידע וועלטין.
אונ זיי וועלין הנאה האבין פון פיל שלום: